STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02181

VI IKH GEDENK MAYN SHTETELE POKSHIVNITSE

Samuel Kozinsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל קאָזינסקי

שמואל און ראָכמע קאָזינסקי

שמואל קאָזינסקי

ווי איך געדענק מיין שטעטעלע פּאָקשיווניצע

ניו־יאָרק — 1966

SAMUEL KOZINSKY

HOW I REMEMBER MY HOME TOWN POKSHYVNITZA

Published by:
SAMUEL KOZINSKY
148 Beach 132nd St.
Belle Harbor, Queens, N. Y. C., N. Y.

Printed in the U. S. A.
by:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

פּאָקשיווניצע אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט

איך בין געבוירן געוואָרן אין שטעטל פּאָקשיווניצע (אַזוי האָבן יידן גערופן דאָס שטעטל). דער אמתדיקער נאָמען איז קאָפּשיווניצע.

מיינע דערינערונגען בינד איך אָן צו די יאָרן 1894. איך וויל דאָ אַרויסברענגען דעם קאָלאָריט און שטייגער פון מיין געבוירן־שטעטל אין יענע יאָרן. ווידער אַ מאָל אויפטויכן דאָס לעבן און די וועלט פון אונדזערע עלטערן און אור־עלטערן.

דאָס שטעטל פּאָקשיווניצע געפינט זיך אין פּוילן און איז אַרומגערינגלט מיט נאָך אַנדערע שטעטלעך, ווי צוויזמיר, קלי־מענטאָוו, אָשיק, פּלאַנטש, סטאַשעוו און אַפּט. צו יענער צייט האָט זיך דאָס שטעטל געפונען אונטער דער הערשאַפּט פון צאַ־רישן רוסלאַנד, די גובערניע איז געווען ראַדאָם.

פּאָקשיווניצע האָט זיך געגרענעצט מיט גאַליציע. די גרענעץ־ליניע איז געווען די ווייסל. קעגנאיבער האָט זיך געזען דאָס שטעטל זשיקעוו, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער גאַליציאַנישער זייט. אַרום דעם שטעטל זענען געווען אַ סך דערפער, וואו יידן האָבן געוואוינט, באַקומענדיק די דערלויבעניש פון די פּריצים צו קאָנען זיין דאָרפס־תושבים, דאָס שטעטל איז אַרומגערינגלט מיט וואַסער און הויכע בערג. די וועגן, וואָס האָבן געפירט אין שטעטל זענען געווען זאַמדיקע און בלאָטיקע, ווען אַ וואָגן איז פאַרזונקען, איז ער פאַרשטעקט געוואָרן ביז איבער די רעדער און מען האָט אים קוים אַרויסגעשלעפּט.

דאָס שטעטל האָט געהאַט צוויי מערק. איינעם — וואו יידן

האָבן געוואוינט און געהאַט זייערע קלייטלעך — האָט מען גע־רופן: „דער מאַרק״ און דעם צווייטן — „פּשעדמיעשטשע״, וואו יידן און פּאָליאַקן האָבן געוואוינט געמישט.

געווען אין פּאָקשיוויניצע גאַסן ווי: די צוויזמיר גאַס, אָשיקער גאַס, אַפּטער, בית־המדרש גאַס, דאָס באָד־געסל, שוסטער־גאַס, מאיר דודס גאַס און ציגעלניע גאַס. עס זענען אויך געווען נאָך קלענערע געסלעך, וועמענס נעמען איך געדענק נישט.

צוויי ברונעמער זענען געווען: איינע — אין מאַרק און די צווייטע אויף דער „פּשעדמיעשטשע״. אין שטעטל איז געווען אַ בית־עולם, אַ צמענטאַרזש, אַ מקווה, אַ בית־המדרש, אַ חסידים־שטיבל און הקדש. געווען אויך אַ חברה קדישא, אַ ביקור־חולים, אַ מורה־הוראה, צוויי שוחטים, 4 קצבים, אַ חזן, אַ שמש, אַ גבאי, אַ דאָזאָרצע, דריי מענער־שניידער און איין דאַמסקער. די מענער־שניידער האָבן געהייסן: יאַנקל שניידער, בערל שניידער און פּנחס שניידער. די דאַמסקע שניידער, צוויי ברידער, האָבן גע־הייסן: בערל און פּריץ. שוסטער זענען געווען: עקיבא שוסטער, זוסמאַן און דער שטומער שוסטער.

איבערן גאַנצן שטעטל האָבן זיך אַרויסגעהויבן צוויי קאַשטשיאָלן, איינער אין מאַרק און דער צווייטער לעבן דער מיל. עס איז אויך געווען איין מיל, איין פעלדשער, אַ שעכט־הויז, 4 בעקער, אַ „סאָנד״ מיט אַ קאַנצעלאַריע, צוויי וואַסערטרעגער און דריי סטאָליאַרעס, דער רוב שוסטער זענען געווען פּאָליאַקן. מען האָט שוין געוואוסט, אַז אויב אַ בעל־מלאָכה אַ גוי, איז ער אַ שוסטער!

נישט ווייט פון יידישן בית־עולם און להבדיל פון צמענ־טאַרזש האָט זיך געצויגן דער קשיבעוויצער וואַלד. הינטערן שטעטל האָט זיך אויך געפונען די מיל, עס האָבן זיך געצויגן די שורות פון די הויכע, פּרעכטיקע אָלשינע־ביימער און די פּאַר־חלומטע סטאַוועס מיט פיש. דאָס אַלץ איז געווען דאָס אייגנטום פונעם יידישן פּריץ, יאָסל ר׳ יחיאלס. דער דאַזיקער וועג איז

געווען דאָס באַליבטע אָרט, וואו יידישע מיידלעך און בחורים פלעגן זיך זומער־צייט אַרויסלאָזן אויף שפּאַציר, קיין מענטשלעך אויג זאָל זיי נישט באַמערקן.

נישט ווייט פון שטעטל זענען אויך געווען קלענערע מילן און ווינט־מילן, וואו די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן קאָנען אָפּמאָלן עטלעכע קערץ קאָרן. אין די דערפער קשטין און צישעטע, 2 קילאָמעטער פון פּאָקשיוויניצע, זענען געווען יידישע הייף, דאָס אייגנטום פון ר׳ יחיאל צינעמאַנס קינדער, אין דער געגנט פונעם שטעטל זענען אויך באַקאַנט געווען די פּריי־צישע הייף אין בלאָניע און לאַניעוו, וואָס האָבן באַלאַנגט צו פּוילישע פּריצים. די פּריצים האָבן געהאַלטן יידישע פּאַכטערס, וועלכע האָבן באַקומען דאָס רעכט צו וואוינען אין די דערפער פון דער צאַרישע מאַכט אַ דאַנק דער שתדלנות פון „זייערע פּריצים״.

די פּאַכטערס האָבן געצויגן זייער חיונה פון דעם, וואָס זיי פלעגן ברענגען זייער מילכוואַרג אין שטעטל. זייער פּוטער און קעז האָט אָפּגעקויפט דער סוחר אַביגדור הימלפּאַרב און דאָס אַוועקשיקן קיין וואַרשע און לאָדזש.

אַלע קלייטן און קראָמען זענען געווען יידישע. געווען 4 שניט־געוועלבער, 8 שפּייז־קראָמען, 4 יאַטקעס, וואָס האָבן זיך טאַקע געפונען אויפן יאַטקע געסל.

דאָנערשטיק, ווען ס׳האָט זיך געשטעלט דער יאַריד און ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען הונדערטער פּויערים מיט זייערע פערד און וועגענער, האָבן זיי זיך אָנגעשיכורט און שפּעטער גע־שלאָגן זיך מיט די מיעשטשאַנעס. דאָס שטעטל האָט אַ גאַנצע וואָך אויסגעקוקט אויפן יאַריד־טאָג. די פּויערים האָבן געגעבן פּרנסה, איינקויפנדיק ביי די קרעמער פאַרשידענע סחורות און פּראָדוקטן.

תבואה, גרינוואַרג, פּרוכטן, אייער און עופות האָבן

די פויערים פאַרקויפט אין מאַרק, אויף דער „פשעדמיעשטשע" האָט מען געהאַנדלט מיט פערד, בהמות, קעלבער און חזירים. עס פלעגן אויך אַראָפּקומען די „טאַנדייטערס", יידישע שניידער, שוסטער און היטל-מאַכער, ווי אויך סוחרים פון אַלע אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך.

פּאָקשיווניצע איז אַרומגערינגלט און ווי איינגעהילט מיט אויבסט-סעדער. באַלד נאָך ל"ג בעומר האָבן יידן אָנגעהויבן דינגען ביי פּריצים און פויערים די סאַדעס. די דאָזיקע יידן האָט מען גערופן „סאַדאָווניקעס". שוין אין בלי האָט זייער מבינישׁ אויג אָפּגעשאַצט וויפל פּרוכט דיביימער וועלן אַרויסגעבן סוף זומער.

פּראַכטפול איז די לאַנדשאַפט פון אונדזער שטעטל, ווי מיט אַ רייף אַרומגעגאַרטלט פון די שיינע, גרינע בערג, וואָס מיניען זיך ווי אַ רעגנבויגן מיט קאָלירפולע פעלד-בלומען און מיט די פאַרבנפולע פעלדער. וואו נאָר דו האָסט זיך געפונען איז פאַר דיינע אויגן געשטאַנען די פּרעכטיקע באַרגיקע פּאַנאָראַמע.

די אַלע קליינינקע טייכלעך און ריטשקעס זענען אַריינגעפאַלן אין דער ווייסל. באַזונדערס שיין איז געווען דער מאַי, אַזש פון וואַרשע און אַנדערע גרויסע שטעט זענען מענטשן געקומען אויף „מאַיוואוקע". קיין פאַבריקן זענען נישט געווען, די לופט איז לויטער, ביינאַכט זענען די געסלעך איינגעהילט געוואָרן אין אַ ציטערדיקער סודותפולער פינצטערניש. קיין עלעקטריע איז נישט געווען. פון די הייזער איז געפאַלן אַ שיין פון די אָנגעצונדענע נאַפט-לאָמפּן. בלויז אויף דעם „פשעדמיעשטשע"-מאַרק האָבן אין דער פינצטערניש געבלינצלט און געצאַפּלט די גרויסע וואַקסענע ליכט, אָנגעצונדענע ביים יויזל, אַרום וועלכן עס זענען אויסגעזעצט געווען שיקסעס און גויעס, וואָס האָבן מיט דביקות געצויגן טרויעריק-פאַרבענקטע רעליגיעזע מאַי-לידער.

עס איז אָנגעקומען דער ליבער זומער. פון די גרויסע שטעט

זענען זיך קיין פּאָקשיוּוניצע צונויפגעפאָרן פיל מענטשן צו פאַרברענגען דאָ זייער וואַקאַציע. די זומער־חדשים זענען געווען דער סעזאָן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַלעבאַטער מסחר מיט פּרוכטן און גרינצייג, וואָס מען פלעגט ליפערן אין אַנדערע שטעט. דעם דאָזיקן האַנדל האָט אָנגעהויבן אַ געוויסער יונגערמאַן פון אַפּט, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּאָקשיוּוניצער מיידל, ער איז געווען מיין אייגענער שוואָגער, זיין נאָמען איז געווען פייוול אונגער. פריער איז אַזאַ מין מסחר פון שיקן פּרוכטן קיין לאָדזש און וואַרשע נישט באַקאַנט געווען.

די מגפה אין שטעטל

זומער 1895 איז אין פּאָקשיוויניצע אויסגעבראָכן אַ גרויסע מגפה.

די דאָזיקע שווידערלעכע עפּידעמיע האָט מען גערופן — „כאָלערע”. דאָס דאָזיקע אומגליק, וואָס איז געפאַלן אויף אונדזער שטעטל, איז צו יענער צייט באַקאַנט געווען אין גאַנץ פּוילן. ווען די מגפה האָט אָנגעהויבן פאַרצוקן אַלץ מער לעבנס, האָט די צאַרישע מאַכט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַרויסצוטרייבן פון שטעטל קינד און קייט אין די אַרומיקע וועלדער, באַזעצנדיק די גאַנצע באַפעלקערונג אין די פּחפזון אויפגעשטעלטע ביידלעך. אין די בתי־מדרשים און להבדיל אין די קירכעס האָט מען געמאַכט שפּיטאָלן, פון אַלע אַרומיקע שטעט זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דאָקטוירים, עס האָט אָנגעהויבן שטראָמען מיט הילף פאַר די יידן פון אַלע אַרומיקע און אַפילו ווייטע שטעט און שטעטלעך.

די גרויזאַמע עפּידעמיע האָט זיך אויסגעשפּרייט אַלץ מער און מער, זייענדיק טויט און חורבן. ס'איז ממש נישט געווען קיין איין שטוב אָדער משפחה, וועמען דאָס אומגליק האָט נישט געטראָפן! מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן, ווען איינער איז אין דער פרי אַרויס און אין אָוונט איז ער נישט צוריקגעקומען אין די ביידלעך, האָט מען שוין געוואוסט, אַז ער איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, אָדער ער געפינט זיך אין שפּיטאָל.

די חברה־קדישא־לייט, זיסעלע דענעמאַרק, הלל שמש און יחיאלעלע, זענען פאַרנומען געווען בייטאָג און ביינאַכט אַרום די יידישע מתים. יעדער קבר איז באַשאָטן געוואָרן מיט קאַלך, אַזוי האָבן פאַרלאַנגט די סאַניטאַרע פאָרשריפטן. אויך אַלע

גאַסן זענען אויסגעשיט און אויסגעווייסט געוואָרן מיט קאַלך. אין יענע שווידערלעכע און שוואַרצע טעג איז פּאָקשיוויניצע אָפּגעטיילט געוואָרן פֿון דער גאַנצער וועלט, קיינער אַחוץ פּאָליציי, דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער האָט נישט געקאָנט אַריין און נישט אַרויס פֿונעם שטעטל. די מגפה האָט געבושעוועט אַ גאַנצן זומער ביז די ימים־נוראים.

ווען מען האָט אָנגעהויבן צוריק אַריינלאָזן די מענטשן אין זייערע היימען, האָבן זיי געטראָפֿן די פּאָדלאָגעס באַשאָטן מיט קאַלך, אויך דער מאַרק און די גאַסן זענען באַשאָטן געווען מיט ווייסן קאַלך, ווי אַ שניי וואָלט זיי באַדעקט. צוויי וואָכן האָט גענומען ביז אַלע האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון די וועלדער. ערשט נאָך פֿיר וואָכן האָט מען אָנגעהויבן אַריינלאָזן מענטשן פֿון אַנדערע שטעט.

יענער ראש־השנה איז נישט געווען קיין פֿריילעכער פֿאַר די פּאָקשיוויניצער יידן. אין אַ סך שטובן האָט אויסגעפֿעלט עסן. רייכע מיט אָרעמע האָבן זיך געטיילט מיטן ביסן. ערשט בעתן דאַוונען האָט מען זיך אַרומגעזען ווער עס פֿעלט. די בתי־מדרשים זענען געווען האַלב ליידיק, אויך צווישן די דאָרפֿס־יידן, וועלכע זענען צו ימים־נוראים געקומען אין שטעטל דאַוונען, האָבן אויך אַ סך געפֿעלט. די דאָזיקע דאָרפֿס־יידן האָט מען גערופֿן „פּאַרזאַלקעס", מען פֿלעגט זיי אַריינעמען אין יידישע הייזער אויף רש־השנה און יום־כיפור. די קולות און יללות יענעם ראש־השנה זענען געווען אומבאַשרייבלעך.

געווען אַ מנהג אין פּאָקשיוויניצע אויסצושפּרייטן יום־כיפור די פּאָדלאָגעס פֿון די בתי־מדרשים מיט היי — יידן האָבן דאָך בעת די תפילות נישט געטראָגן קיין שיך. — דאָס מאָל האָט די מאַכט באַפֿוילן אויסצושפּריצן די דילן מיט וויטריאָל און נישט אויסלייגן קיי היי. ס'איז געווען אַ טרויעריקער יום־טוב.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן מענטשן פּאַמעלעך אָנגעהויבן קומען צו זיך און דאָס לעבן הייבט זיך אָן לאַנגזאַם נאָרמאַליזירן.

מען נעמט זיך צום מסחר, בעלי־מלאכות הייבן אָן טאָן זייער אַר־בעט. פון אַלע שטעט און שטעטלעך האָט אָנגעהויבן אָנקומען הילף, אויך די רוסישע מאַכט האָט פאַרן צוריקאויפבוי פונעם עקאָנאָמישן לעבן געגעבן גרויסע פינאַנציעלע הילף.

דאָס שטעטל איז ווי אויפגעריכט געוואָרן, עס האָט ממש אויפגעלעבט, מענטשן האָבן געהאַט פרנסה. ביסלעכוויז האָט מען אָנגעהויבן פאַרגעסן די שוידערלעכע טראַגעדיע, אָפט זענען פאָרגעקומען שמחות ביי יידן, חתונות, בריתן, מיט איין וואָרט — דאָס שטעטל איז צוריקגעקומען צום לעבן. אַזוי זענען פאַרביי צוויי יאָר.

די גרויסע שריפה

...און ווידער אַמאָל האָט זיך אויף אונדזער שטעטל אַראָפּגעלאָזט אַ פּריש אומגליק! אין צוויי יאָר נאָך דער מגפה, געשען איז דאָס אַ טאָג נאָך שבועות, איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע שריפה, וואָס האָט פאַרשלונגען דאָס גאַנצע שטעטל. אַחוץ די הייזער זענען אויך פאַרברענט געוואָרן פיל קינדער און עלטערע מענטשן.

די איינוואוינער האָבן ווידער געמוזט אַוועק וואוינען אין ביידלעך אין די אַרומיקע וועלדער. די ריזיקע שריפה האָט אָנגעהאַלטן צוויי וואָכן. אַלץ איז אַוועק אין פלאַמען און רויך! די פייער־צונגען און געדיכטע רויך־וואָלקנס האָבן זיך העט־ווייט געזען. דאָס פייער האָט געבושעוועט טאָג און נאַכט, קיין לעבעדיקער מענטש האָט נישט געקאָנט אַריינקומען אין שטעטל, עס האָט געשלאָגן מיט גיהנומדיקער היץ און פייער. עס איז נישט פאַרבליבן קיין איין הויז, מיטן רויך זענען אויך אַוועק די בתי־מדרשים, דער הקדש, די מקווה, ס'איז אַפילו פאַרברענט געוואָרן דער הילצערנער פּלויט פונעם בית־עולם, וועלכער האָט זיך געפונען אַ וויאָרסט הינטערן שטעטל.

ווען די שרפה האָט נאָך צוויי וואָכן אויפגעהערט, האָט אָנגעהויבן שטראָמען הילף פון יידן אין אַנדערע שטעט. דער עיקר האָט געגעבן גרויסע הילף די צאַרישע מאַכט. ס'האָט אָנגעהויבן אָנקומען פון אַלע זייטן בוי־מאַטעריאַלן, הונדערטער בעלי־מלאָכות, און מיט אימפּעט האָט מען זיך גענומען צוריק אויפבויען דאָס חרובע שטעטל. נייע הייזער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן, מען האָט געוואָלט וואָס מען הייזער אויפבויען, איידער עס קומט אָן דער ווינטער. מען האָט אויך צוריק אויפגעשטעלט דאָס בית־המדרש, הקדש, באָד, מקווה, דאָס שעכט־הויז. דער בית־עולם איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ נייעם גדר.

דאָס שטעטל האָט באַקומען אַ ניי פּנים. אומעטום האָבן זיך געזען נייע הייזער. דאָס לעבן האָט זיך גענומען אויפסניי איינ־שטעלן. אין די נייע געשעפטן האָבן זיך באַוויזן סחורות, יידן האָבן זיך מיט ברען גענומען צום מסחר, דאָס שטעטל איז ווי באַנייט און אויפגעלעבט געוואָרן. ווי זאָגט מען ביי יידן: נאָך אַ שריפה ווערט מען רייך! מאַנכע יידן האָבן אַפילו אויפגעבויט געמויערטע הייזער מיט צוויי גאָרנס, דאָס איז געווען אַ נייע פּאָקשיוו:ניצע, ווייל ביז איצט איז אַלץ געווען פון האָלץ געבויט.

ווי געזאָגט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפע. ווי אַ מאָל האָבן זיך יעדן דאָנערשטיק געשטעלט ריזיקע יאַרידים. די פּויערים האָבן געבראַכט אין שטעטל תבואה, בהמות און עופות, יידן האָבן דאָס געקויפט און געהאַט פּרנסה. דער יאַריד־טאָג האָט אַ סך יידן געגעבן חיונה אויף אַ גאַנצע וואָך. אַפילו די אָרעמסטע האָבן זיך אויפגעהערט באַקלאָגן, ס׳איז געווען ווי מען זאָגט: שלום־ושלווה. מען האָט זיך געפירט חסידיש. סיי סוחרים און סיי בעלי־מלאָכות זענען געווען חסידים. אַלע האָבן זיך געוואָלט פאַרזאָרגן מיט אַ חלק עולם־הבא, חסידים זענען געווען מכל המינים, ווי למשל, גערער חסידים, זשיקעווער, קוזמירער חסי־דים, טאָרנעווער חסידים.

האָבנדיק די טרויעריקע דערפאַרונג מיט דער גרויסער שרי־פה, האָט די „גמינע” גערופן אַ פאַרזאַמלונג פון יידן און פּאָ־ליאַקן מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן אַ „סטראַזש אָגניאָווא” (פייער־לעשער). פיל יונגע מענטשן, יידן און פּאָליאַקן, האָבן זיך פריי־וויליק אָנגעשלאָסן אין דער „סטראַזש אָגניאָווא”. פון הער גו־בערניע זענען אָנגעקומען פאַרשידענע מכשירים און מאַשינען, וואָס נוצן בעת אַ שריפה. די שאָפע פון „סטראַזש אָגניאָווא” איז אויפגעבויט געוואָרן לעבן דער טומאה אין מאַרק, דאָ פלעגן פאָר־קומען די איבונגען ווי אַזוי צו לעשן אַ שריפה, אַלס קאָמענדאַנט פון דער „סטראַזש” איז באַשטימט געוואָרן יהודה לייב ראָזענ־בלום.

ווען די יום-טובדיקע טעג קומען אָן...

ווער געדענקט נישט דעם ערב שבת אין שטעטל! ווען שוין פון האַלבן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צום שבת-קודש דאָס גאַנצע שטעטל, פרויען, מענער און קינדער זענען פאַרנומען און פאַרקאָכט געווען מיט די הכנות אויפצונעמען דעם שבת!

דער בעדער האָט זיך באַוויזן אין מאַרק און מיט אַ הויך-זינגענדיק קול גערופן די יידן: „אין באָד אַריין!" אַלע, יונג און אַלט, האָבן זיך געלאָזט אין מרחץ. געקאָסט האָט 2 קאָפּיקעס, פאַר די קינדער איז די באָד געווען אומזיסט. דער בעדער האָט יעדן איינעם געגעבן אַ בעזעמל מיט אַ שעפּעלע. דאָס בעזעמל — אויסצוריבן און אויסצושמייסן אויף פייער-רויט די פּלייצע און דאָס שעפּעלע צום שעפּן וואַסער.

אין מרחץ איז געווען זייער הייס. עס האָט געהאַנגען אַ נעפּל פון פּאַרע. ווער ס'האָט געקאָנט פאַרטראָגן די גרויסע היץ, איז אַרויפגעקראָכן אויף דער אויבערשטער באַנק און אין דעם געדיכטן וואָלקן געריבן מיטן בעזעמל, ביז דאָס לייב איז צע-פּאַרעט געוואָרן, כדי דער גוף זאָל וואָס מער געכשרט ווערן לכבוד שבת, שפּעטער געטובלט זיך אין מקווה, ביז מען איז געוואָרן כשר וישר.

ווען די מאַנסבילן זענען אַרויס פון מרחץ זענען זייערע פּנימער געווען רויט ווי פייער, ערשט אין דער היים האָט מען אָנ-געטאָן די אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און שטריימלען, אָדער סאַ-מעטענע היטלעך. איך געדענק ווי דער אַלטער דן שוחט איז גע-קומען אין בית-המדרש מיטן שטריימל, וואָס איז פון איין זייט געווען אויסגעקראָכן די האָר און די אַטלאַסענע זשופּעצע איז גע-ווען אַזוי צעריבן און צעפּליקט, וואָס האָט דערמאָנט אין צעשני-טענע לאָקשן. אָן אַטלאַסענע זשופּיצע האָט מע זיך בלויז געמאַכט

ווען מען האָט חתונה געהאַט און דאָס האָט אַ לעבן־לאַנג געדינט אַלם שבתדיקער מלבוש. פלעגט ער, ר׳ דן, אַראָפּוואַרפן די וואָ־כעדיקע קאַפּאָטע און אָנטאָן לכבוד שבת די צעפליקטע זשופּיצע, וואָס איז אָבער דערפאַר געווען פון אַטלאַס.

***

דער שענסטער יום־טוב אין שטעטל איז געווען פּסח. נאָכן שווערן, לאַנגן ווינטער, וואָס האָט זיך געשטעלט באַלד נאָך סוכות. און זיך געצויגן ביז נאָך פּורים, האָבן אָנגעהויבן בלאָזן מילדע ווינטן, עס האָט אָנגעהויבן אָטעמען מיט ערב־פרילינג. די שנייען האָבן אָנגעהויבן טייען, די בלאָטעס און זומפּן זענען אויסגעטריקנט געוואָרן. צו יעדער פענצטער האָט זיך צוגעטוליעט דער אָנקומענדיקע פרילינג, אַלץ איז ווי ניי־געבוירן געוואָרן און באַגריסט די מילדע זונען־שטראַלן.

צום יום־טוב פּסח האָט מען זיך געגרייט אַ גאַנצן ווינטער. אין די לאַנגע ווינטער נעכט האָבן מאַמעס געניט פאַר זייערע מענער און קינדער העמדער. אויך די שניידער און שוסטערס זענען שוין אַ שטיק פאַר פּסח פאַרוואָרפן געווען מיט אַרבעט. אַלץ האָט געדאַרפן פּאַרטיק ווערן אויף יום־טוב.

דער ערשטן טאָג פּסח, נאָך דער סעודה, האָבן קינדער און דערוואַקסענע, מיידלעך און בחורים זיך אַרויסגעלאָזן אויף די גאַסן, באַווייזנדיק זיך מיט זייערע נייע בגדים. זיי האָבן שפּאַ־צירט אין מאַרק, אויף דער אַפּטער גאַס און „פּשעדמיעשטשע״, פאַר די הייזקעס האָט מען אַרויסגעשטעלט בענק און שטולן, געוואַרעמט זיך אויף דער מילדער זון און צוגעקוקט זיך צו די נייע קליידער פון די מיידלעך, בחורים און קינדער.

חול־המועד פּסח זענען אויסגעפירט געוואָרן אַלע שידוכים. אין שטעטל איז געווען אַ חזן ר׳ ירחמיאל, ער האָט דאָס אויס־געפירט אַלע שידוכים, ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ רויטער פּאַטשיילע, מיט איר איז ער אַוועק צו די מחותנים צו געבן תקי־עת־כף, און אָט אַזוי מיט דער רויטער פּאַטשיילע איז מיט מזל

געוואָרן אַ שידוך. די מיידלעך און בחורים פלעגן זיך פרעגן צו ר' ירחמיאל איז געווען מיט דער פּאַטשיילע; און צו דער טאַטע האָט איר אָנגעטאָפּט; און אַז די מאַמע האָט געזאָגט „יאָ", האָט די טאָכטער געענטפערט: „מזל-טוב, כ'בין געוואָרן אַ כלה!". ערשט שפּעטער פרעגט די טאָכטער דער מאַמען: „ווער זשע איז דער בחור?" „מירצעשעם מאַכן תנאים וועסטו אים, טאָכטערשי, זען"...

חול-המועד פסח איז אויך געווען די צייט ווען פון אַנדערע שטעטלעך זענען אַראָפּגעקומען מחותנים אָנקוקן חתן-כלה און בשעת-מעשה אויסגעפונען וויפל נדן און קעסט ס'איז אָנגעגרייט פאַרן חתן. חול-המועד איז אויך געווען דער סעזאָן פאַר מלמדים, זיי פלעגן גיין פון שטוב צו שטוב און צורעדן די עלטערן אָפּצו-געבן די קינדער אין זייערע חדרים. געווען אין שטעטל דרדקי-מלמדים, מלמדים, וואָס האָבן געלערנט חומש און אויך גמרא-מלמדים, געווען אויך מלמדים, וואָס האָבן געלערנט אַ שיעור מיט בחורים אין בית-המדרש. זייער שכירות פאַר אַ זמן האָט באַ-טראָפן 100 גילדן. די דרדקי-מלמדים האָבן גענומען 10 גילדן פאַר אַ זמן. די דרדקי-מלמדים האָבן זיך גערופן: דער לאָמער הערשל און דער הויכער הערש לייב. פאַר די חומש און גמרא-יינגלעך זענען געווען מלמדים: דער לאָמער זעליג-לייב יודל דנס, אברהמעלע פישלס, חיים-מאיר ר' לייזערס, משה תנחן, די דאָזיקע מלמדים האָט מען געצאָלט פאַר אַ זמן, ד. ה. פון פסח ביז ראש-השנה, 20 גילדן און אפילו אויך 30 גילדן.

געווען אויך אַ רביצין, זי האָט געהייסן הענע לאה און גע-לערנט עברי מיט מיידלעך. געווען אויך אַ לערער, מען האָט אים גערופן אברהם לערער, ער האָט געלערנט שרייבן יידיש, פּויליש און רוסיש. ביי אים האָבן זיך געלערנט סיי יינגלעך און סיי מיידלעך. בייטאָג די מיידלעך און פאַרנאַכט די יינגלעך. די „שקאָלע" האָט זיך געפונען ביי אים אויפן בוידעם.

זעקס וואָכן נאָך פסח, ווען דער פרילינג איז שוין צעבליט אין זיין גאַנצער פּראַכט, פאַלט אויס ל"ג בעומר. דאָס איז געווען

דער שענסטער יום-טוב פאַר די חדר-ייִנגלעך. דער מלמד מיט די בעלפערס האָבן אָנגעטאָן די ייִנגלעך די הילצערנע שווערדלעך און ביקסלעך און זיי אַוועקגעפירט הינטערן שטעטל אין די נאָענטע וועלדער און בערג, דאָרט האָבן זיי פריילעך פאַרברענגט דעם טאָג, אונטערגעלענט זיך מיט די געשמאַקע מאכלים, וואָס די מאַמעס האָבן מיטגעגעבן. פאַרנאַכט האָבן די קינדער מונטער צוריקגעקערט זיך אַהיים, די ייִנגערע קינדער האָבן די בעלפערס געבראַכט צו זייערע טאַטע-מאַמע אויף די אַקסלען.

דערנאָך איז געקומען דער יום-טוב שבועות. מען האָט באַצירט דעם בית-המדרש מיט גרינע ביימער-צווייגן. אין אַלע ייִדישע הייזער זענען געווען קאַשטן-ביימלעך. ס'איז געווען אַ שיינער יום-טוב, מען האָט געגעסן מילכיקע פּלאַדנס, שטריצלעך און קרעפּלעך מיט קעז.

דער שיינער, ליכטיקער פרילינג איז גיך פאַרביי און ס'האָבן זיך אונטערגערוקט די „דריי וואָכן", ווען אין קיין ייִדישע שטוב איז קיין פלייש נישט אַריינגעקומען. שפּעטער איז געקומען תשעה-באב. ווער געדענקט נישט דעם תשעה-באב אין פּאָקשיווניצע? יעדער ייִד, יונג און אַלט, האָט געוויינט אויפן חורבן. די קולות האָבן זיך ווייט געהערט, ווען אין בית-המדרש האָט מען געזאָגט די קינות. מען איז געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע, די נאַפט-לאָמפּן האָבן נישט געברענט און יעדער איינער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ חלבן ליכטל, וואָס האָט צוגעשיינט ביים זאָגן די קינות.

דער טרויער האָט אָנגעהאַלטן ביז ס'איז געקומען שבת-נחמו: דאַן איז ווי מיט איינמאָל פאַרשוואונדן דער טרויער און מענטשן האָבן צוריק אויפגעלעבט!

עס האָט „אָנגעהויבן בלאָזן" און ס'איז אָנגעקומען ראש-חודש אלול, ווען יעדער ייִד הייבט אָן ציטערן ווי „אַ פיש אין וואַסער". עפּעס אַ קליינינקייט, עס דערנענטערן זיך די ימים-נוראים! ייִדן האָבן אָנגעהויבן מאַכן אַ חשבון-הנפש און נאָכטראַכטן, וואָס פאַר אַ זינד זיי זענען באַגאַנגען אין משך פון

יאָר. און ווער געדענקט נישט ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די ערשטע סליחות-נאַכט ? ווען דער שמש האָט נאָך חצות גע-שלייכט איבער די געסלעך פון שטעטל און געקלאַפּט אין די לאָדנס, ציענדיק טרויעריק האָט ער ווי אויסגעזונגען : „יידן שטייט אויף צו סליחות״ !

יידן האָבן זיך אויפגעריסן פון שלאָף און מיט פּחד געלאָפן אין מקווה אַריין טובלען זיך. שפּעטער, ווען מען האָט אָנגעהויבן זאָגן סליחות אין בית-המדרש האָט מען די קולות געהערט איבערן גאַנצן דרעמלענדיקן שטעטל. יעדער איינער האָט מורא געהאַט, עס זאָל מיט אים חס-ושלום עפּעס נישט געשען היינטיקס יאָר, און מיט אַ ציטער אין הארצן האָט מען זיך געפרעגט : וואָס פאַר אַ קוויטל וועט דאָס יאָר דער רבונו של עולם געבן ?

היינט, ראש-השנה ? ! אין די דאָזיקע גאָטספאַרכטיקע טעג האָבן שוין אָנגעהויבן ציטערן אין וואַסער די קליינע און גרויסע פיש. דער בית-המדרש איז פול געוואָרן מיט דאָרפס-יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ סך, וואָס האָבן דאַווענען נישט געקאָנט. אין שטעטל זענען געווען יידן, וואָס האָבן געהאַט חזקות. געווען אַ שיינער ייד יאָסל ר׳ יחיאלס, ער האָט איבער-גענומען אַ חזקה פון זיין טאַטן, וועלכער איז געווען בעל-מוסף ראש-השנה און יום-כיפור, געהאַט האָט דער דאָזיקער בעל-חזקה אַ זייער שלעכטע שטימע און דער שטעטלדיקער חזן ר׳ ירחמיאל האָט אים געמוזט שטאַרק אַרויסהעלפן. ר׳ יחיאל איז געווען דיין אין שטעטל, איידער ס׳איז אַראָפּגעקומען דער מורה-הוראה. גערופן האָט מען אים ר׳ יחיאל צינעמאַן. זיין זון יאָסל האָט געוואוינט הינטער דער שטאָט אין אַ הויף. ר׳ יחיאלס אַלע זין האָט מען גערופן די יידישע פּריצים. רייך זענען זיי געוואָרן, ווען זיי האָבן אויף דער לאָטעריע געוואונען דאָס גרויסע געווינס, גאַנץ פּוילן האָט געקלונגען מיט דעם דאָזיקן גרויסן געווינס.

אין גרויס ציטער און פּחד זענען פאַרביי די עשרת ימי-תשובה. ס׳איז געקומען יום-כיפור, אַפילו קליינע קינדער האָבן געפאַסט. ערב כל-נדרי האָט זיך אין ייד מיטן צווייטן איבערגע-

בעטן, אַפילו מיטן ערגסטן שונא. אַלע יידן, די גאַנצע עדה, זענען געוואָרן איינס, קיינער האָט אין הארצן נישט געטראָגן קיין שלעכטס אויפֿן צווייטן. נאָך כל־נדרי איז מען פֿאַרבליבן אין בית־המדרש אַ גאַנצע נאַכט. די פֿאַדלאָגע איז געווען אָנגעשיט מיט היי און מען האָט מיט גרויס כוונה געזאָגט תהילים, אַבי אויסצופֿועלן ביים רבונו־של־עולם דאָס „גוטע קוויטל". נאָך נעילה, ווען דאָס קוויטל איז שוין געחתמעט געוואָרן, האָט זיך אויפֿסניי אָנגעהויבן די אַלטע פּירונג.

מוצאי יום־כיפּור, גלייך נאָך דער סעודה, האָט זיך אין שטעטל אָנגעהויבן טומלען, יידן האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן פֿלעקער אין סוכה. רייכע יידן האָבן געהאַט גרייטע סוכות, די אָרעמערע האָבן צונויפֿגעקלאַפּט סוכות פֿון ברעטער און קלעצער. איינער דעם צווייטן האָט געוואָלט איבעריאָגן אין אויפֿשטעלן אַ שע־נערע סוכה. די בחורימלעך האָבן פֿאַריאַכמערטע אַרויסגעלאָזט זיך הינטערן שטעטל שניידן סכך, און באַמיט זיך, אַז דער סכך זאָל זיין, וואָס שענער און גרינער, די חברה־ייִנגלעך איז גע־גאַנגען בנפשו וואָס שענער באַצירן „זיין" סוכה מיט ביימלעך, גרינס און פּרוכטן.

אין יידישע שטובן האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן דער שמעקענ־דיקער און רייצנדער ריח פֿון די אתרוגים. רייכע יידן האָבן געהאַט אייגענע אתרוגים, אין די אָרעמע פֿלעגן די שמשים קומען מיט קהלישע אתרוגים, קיינעם נישט אויסמיידן, כדי די פֿרויען און קינדער זאָלן קאָנען בענטשן אתרוג, די מענער האָבן גע־בענטשט אתרוג אין בית־המדרש.

הושענה־רבא האָט מען הינטערן שטעטל, ביי די טייכלעך, אָנגעהויבן שניידן הושענות. עס איז אָנגעקומען דער פֿריילעכ־סטער יום־טוב אין שטעטל — שמחת־תורה. פֿאַר הקפות זענען זיך צוזאַמענגעקומען פֿאַרשידענע חברות און געפּראַוועט סעודות. מען האָט זיך געלאָזט וואוילגיין, געגעסן געבראָטענע גענדזלעך, אויף וואָס מען האָט שוין געוואַרט אַ גאַנץ יאָר, פֿעסער מיט ביר זענען געשטאַנען, מען האָט געטרונקען בראָנפֿן און ביר האָט

זיך געגאָסן ווי וואַסער, געטאַנצט, געזונגען און געפרייט זיך מיט דער תורה. יעדער חברה האָט זיך בגילופין אַרויסגעלאָזט טאַנצנדיק און זינגענדיק אין די גאַסן און געלאָזט זיך אין בית־המדרש צו הקפות.

צו הקפות זענען אין בית־המדרש געקומען אַלע חסידים פון די פאַרשידענע שטיבלעך, דאָס פריילעכסטע דערביי איז געווען דאָס אויסטיילן די הקפות: פריער צו די שיינע יידן און רייכע בעלי־הבתים, שפּעטער צו די מיטעלע בעלי־הבתים, ערשט ביים סוף צום עוזר דלים, האָבן באַקומען הקפות די אָרעמעלייט און קבצנים. די הקפות האָבן אָנגעהאַלטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

***

דאָס יידישע לעבן אין שטעטל איז איינגעהילט געווען אין תמימותדיקער פרומקייט. באַלד נאָך סוכות האָבן די ווייבער אָנגעהויבן פאַרזעצן געגנדז. זאָלן זיי זיך האָדעווען אין פריידן און „צונעמען לייב”, וועט זיין שמאַלץ לכבוד פּסח. די געגנדז האָבן זיך אַרומגעדרייט אין די הייפלעך, געפּיקט קערנער, וואָס זענען געבליבן פון זומער און געגודערט מיט געגנדזענער הנאה.

עס האָט זיך אָנגערוקט חנוכה, בייזע ווינטן האָבן ביינאַכט געוואָיעט, דער ווינט און פראָסט האָט אַלץ באַדעקט מיט ווייסע, גדיכטע ברעמען. די שוחטים זענען שוין געווען פאַרנומען מיט קוילען די געגנדז. מען האָט די געקוילעטע געגנדז געלאָזט פריער גוט זיך דורכפרירן און ערשט דערנאָך ווערט סיי דאָס פלייש און סיי דאָס שמאַלץ דורכגענומען מיט פראָסט און דער טעם איז גאָר אַן אַנדערער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פריילעכער יום־טוב חנוכה. מיט די שיינע חנוכה־לעמפּלעך. די ייִנגלעך האָבן געשפּילט אין דריידל, מאַנסבילן האָבן אין די חנוכה־נעכט געשפּילט אין „אָקע”, קליינוואַרג האָט באַקומען חנוכה־געלט און דערמיט געשפּילט אין דריידלעך, אויף וועלכע ס׳איז אויפגעשריבן געווען: „נס גדול היה

שם". פאַר די חברה־ייִנגלעך איז חנוכה געווען אַ גאַר געהויבע־נער יום־טוב, ער פֿאַלט אויס אין נוטל און במילא איז מען פֿריי פֿון גייען אין חדר אַריין.

אין די שטובן איז געווען יום־טובדיק. מען האָט געפּרעגלט שמאַלץ אויף פּסח. היינט די מחיהדיקע גריוון און קאַרטאָפֿל־לאַטקעס געפּרעגלט אויף בוימל. אַ גאַנץ יאָר האָט מען שוין געוואַרט אויף די חנוכה־גריוון און לאַטקעס.

נאָכן לאַנגן ווינטער, איז דער ערשטער אָנזאָג פֿון ערב־פֿרי־לינג געווען דער יום־טוב פּורים. דאָס איז געווען אַן אויסערגע־וויינלעך פֿריילעכער יום־טוב, באַזונדערס פֿאַר די קינדער. מיטן געפּילדער פֿון די גראַגערס און המן־קלאַפּערס. האָבן זיי אָנגעפּילט די פֿאַרשלאָפֿענע און מיט שניי פֿאַרשאָטענע געסלעך. בעתן מגי־לה לייענען, זענען שוין חברה געשטאַנען גרייט מיט די גראַגערס אין די הענט, און ווען מען האָט דערמאָנט המנס נאָמען, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קלאַפּעריי און טראַסקעריי, אַז מען האָט געקאָנט פֿאַרטויבט ווערן.

אסתר־תענית האָט אַלץ, יונג און אַלט, געפֿאַסט. מען האָט זיך ערשט געזעצט עסן נאָך מגילה לייענען. די אמתדיקע שמחה איז געווען שושן־פּורים. מען האָט געפּראַוועט גאַר געהויבענע סעודות, ביי יום־טובדיקע טישן, אויף וועלכע עס זענען שוין געלעגן אָנגעגרייט קופּערנע מטבעות פֿאַר די פֿאַרשטעלטע.

פֿאַר דער טיר האָט געהאַנגען אַ ליכטל, וואָס האָט באַשיינט דעם וועג פֿאַר די פֿאַרשטעלטע קינדער, וועלכע זענען געגאַנגען פֿון שטוב צו שטוב, זינגענדיק און אומעטום פֿריילעך אויסגע־רופֿן: „היינט איז פּורים און מאָרגן איז אויס, גיט מיר אַ גראָשן און וואַרפֿט מיך אַרויס"! שושן פּורים האָט מען אויך געשיקט איינער צום צווייטן שלח־מנות. איבערן שטעטל האָט מען געזען, ווי קינדער מיט טעלער איבערגעדעקטע מיט ווייסע טישטעכלעך האָבן געטראָגן שלח־מנות. יעדער איינער האָט מיט נייגיר גע־וואַרט, וואָס פֿאַר אַ שלח־מנות ער וועט באַקומען.

דער קוזמירער רבי באַזעצט זיך אין פּאָקשיווניצע

דער קוזמירער רבי האָט געוואוינט אין פּאָקשיווניצע דריי יאָר.

געקומען איז ער פון דאָמבראָווע, גאַליציע. גערופן האָט מען אים „דער דאָמבראָווער רבי". זיין נאָמען איז געווען ר' מאָטעלע, פון גרויסן יחוס, דעם טריסקער מגידס אַ זון, ער איז אויך געווען באַרימט אַלס בעל-מופת. מען האָט געזאָגט, אַז ער „טרייבט אַרויס" דיבוקים פון משוגעים.

שבת און יום-טוב האָט דאָס שטעטל געווימלט מיט חסידים, וואָס זענען געקומען פון אַנדערע פּוילישע און גאַליציאַנער שטעט. די חסידים האָבן אויך אַריינגעבראַכט פּרנסה. יעדע צווייטע שטוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַכסניה, מען אויך צוגעגרייט עסן פאַר די אָנגעפאָרענע חסידים. אַפילו די גויים האָבן דערביי פאַרדינט. זיי זענען געוואָרן בעלי-עגלות און אָפּגעפירט די חסי-דים אַהיים, זיי פלעגן אויך פאַרדינגען די חסידים זייערע שטי-בער.

געדאַווענט האָט מען אויך אין דער שאָפּע, ווייל דאָס בית-המדרש איז צו קליין געווען אַריינצונעמען אַזאַ ריזיקן עולם, אַלע טישן און בענק זענען פון בית-המדרש אַרויסגענומען גע-וואָרן, כדי צו מאַכן מער פּלאַץ, די מענטשן זענען געזעסן אויפן דיל. אַז ס'איז אָנגעקומען דער שבת-קודש האָט מען געטאַנצט און געזונגען אין די גאַסן. דאָס גאַנצע שטעטל האָט אויסגעקוקט אויפן שבתדיקן טאָג, דאָס איז געווען אַן אמתדיקער עונג-שבת!

ערב שבת און יום-טוב איז די באָד און מקווה אָפן געווען בייטאָג און ביינאַכט, כדי אַלע חסידים זאָלן קאָנען זיך טובלען.

ווען ס'איז געקומען דער פריילעכער שמחת-תורה האָט מען גע־טאַנצט אַ גאַנצע נאַכט. ווייט אַרום שטעטל האָט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פון די יום-טובדיקע יידן. אַפילו די גויים פון שטעטל פלעגן אַראָפּקומען אין דער בית-המדרש גאַס צוהערן זיך צום געזאַנג און צוקוקן זיך צום טאַנצן פון די יידן.

די שטעטלדיקע בעקער האָבן געהאַט פולע הענט מיט אַר־בעט, טאָג און נאַכט געבאַקן חלות און קוילעטשן פאַר די חסידים. עס זענען צוגעקומען נייע בעקערייען. וואַסער-טרעגער זענען פּאַרנומען געווען מיטן טראָגן וואַסער פון אינדערפרי ביז אויף דער נאַכט. עס זענען צוגעקומען נייע וואַסער-טרעגער. לעבן בית-המדרש האָט מען אויפגעשטעלט אַ שאַפּע, דאָרט האָט דער רבי געפירט טיש, דאָרט האָט זיך אויך געפונען אַ קיך. אויף אַ געוויינלעכן שבת זענען זיך צונויפגעפאָרן העכער 100 חסידים, אויף ראש-השנה, יום-כיפור זענען געקומען חסידים פון גאָר ווייטע מקומות. מען האָט אַראָפּגעבראַכט מער שוחטים, כדי צו באַוויזן צוצושטעלן פאַר די חסידים פלייש. אַזוי האָט זיך געצויגן עטלעכע יאָר.

איינמאָל איז צום רבין אַראָפּגעקומען אַ גרעסערער עולם חסידים פון קוזמיר און האָבן פאַרלאַנגט פון רבין, אַז ער זאָל צו זיי אַראָפּקומען אויף שבת. דער רבי איז נאָכגעקומען זייער פאַר־לאַנג און איז אַראָפּגעפאָרן קיין קוזמיר. זייענדיק דאָרט האָבן אים די קוזמירער חסידים געבעטן, אַז ער זאָל ביי זיי פאַרבלייבן אויף נאָך אַ שבת. בעת-מעשה האָבן די חסידים באַשטימט צווישן זיך, אַז מען זאָל דעם רבין מער נישט לאָזן צוריקפאָרן קיין פּאָק־שיוויניצע, ער זאָל פאַרבלייבן ביי זיי און רופן זיך „קוזמירער רבי".

ווען די דאָזיקע ידיעה איז דערגאַנגען קיין פּאָקשיוויניצע, האָבן די בעלי-הבתים פאַרלאַנגט פון רבין ער זאָל צוריקקומען אין שטעטל. זיי האָבן געבעטן דעם רבין ער זאָל דאָס שטעטל נישט רואינירן, ווייל אַ דאַנק דעם, וואָס ער געפינט זיך אין

פּאָקשיוואָניצע האָבן יידן פּרנסה. דעם רבינס תּשובֿה איז געווען, אַז היות פּאָקשיוואָניצע איז אַ פֿאַרוואָרפֿענער עק, ווייט פֿון אַ שליאַך און דער צופֿאָר אַהין איז אַ שווערער פֿאַר זיינע חסידים, וועט ער צונויפֿרופֿן אַן אַסיפֿה פֿון אַלע זיינע חסידים, און זאָלן זיי באַשטימען, וואו דער רבי דאַרף וואוינען, אַזאַ שטאָט, וואָס זאָל באַקוועם זיין פֿאַר אַלע חסידים צו קומען אַהין.

אַזוי, ווי דער רבי האָט אויך געהאַט אַ סך טורנער חסידים, און זיי האָבן באין־אופֿן נישט געוואָלט, אַז ר׳ מאָטעלע זאָל זיך רופֿן „פּאָקשיוואָניצער רבי“. זיי האָבן אַנגעוויזן, אַז דאָס קאָן דערפֿירן צו אַ מחלוקה, ווייל דער טורנער רבי ר׳ יחיאליש האָט געהאַט אַ חזקה צו רופֿן זיך „פּאָקשיוואָניצער רבי“, איז טאַקע אויף דער זעלבער אַסיפֿה באַשלאָסן געוואָרן, אַז ר׳ מאָטעלע זאָל פֿאַרבלייבן אין קוזמיר און רופֿן זיך „דער קוזמירער רבי“.

אַז די פּאָקשיוואָניצער חסידים האָבן דאָס געהערט איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה, אַפֿילו די גויים דערוויסנדיק זיך, אַז דער רבי פֿאַרלאָזט פּאָקשיוואָניצע, זענען זיי גרייט געווען צו געבן געלט אויפֿצושטעלן אַ הויז פֿאַרן רבין, אַבי ער זאָל מסכּים זיין צוריק־צוקומען. מען האָט צום רבין געשיקט שליחים, וואָס זענען באַשטאַנען פֿון די שענסטע און רייכסטע בעלי־הבתּים, זיי זאָלן ווירקן אויף דעם רבין ער זאָל ענדערן זיין החלטה.

דעם רבינס תּשובֿה איז געווען, אַז ער קאָן נישט קעגנ־שטעלן זיך דעם פֿאַרלאַנג פֿון זיינע חסידים, והשנית, ווייל ער אויסמיידן אַ מחלוקה. דער סוף איז געווען, אַז ר׳ מאָטעלע איז פֿאַרבליבן אין קוזמיר און גערופֿן זיך „קוזמירער רבי“. די שלי־חים פֿון פּאָקשיוואָניצע, ווי אויך די גאַנצע שטאָט האָט ער גע־בענטשט און די בעלי־הבתּים זענען צוריקגעקומען אין שטעטל אָן רבין...

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויך אין פּאָקשיוואָניצע האָט ר׳ מאָטעלע געהאַט זיינע חסידים, זיי האָבן באַלד געשאַפֿן אַ קוזמירער שטיבל. עס האָט זיך געפֿונען אין הויז פֿון זיינוול צינעמאַן,

ער האָט אין זיין הויז אָפּגעגעבן די גרעסטע דירה. עם האָבן זיך אויך אָנגעהויבן שאַפן אַנדערע שטיבלעך, ווי דאָס טורנער שטיבל, גערער שטיבל — און זשיקעווער שטיבל. שבת פאַרנאַכט צווישן מנחה און מעריב, צו שלוש־סעודות, האָבן זיך געטראָגן פון די שטיבלעך די זיסע חסידישע ניגונים, יעדער שטיבל האָט געהאַט זיין נוסח אין נגינה.

געווען אויך אַ חברה, וואָס מען האָט גערופן „זולל וסובא־ניקעס". שבת האָבן זיי שוין געהאַט אָפּגעדאַוונט 9 אַזייגער אינדערפרי, ווען די חסידים זענען ערשט געגאַנגען דאַווענען. די חברה „זולל וסובאניקעס" האָט זיך געפונען ביי יוסף פּנחס בעקערס אויף דער „פשעדמיעשטשע". ביי דעם אַלעמען האָט גע־הערשט צווישן די יידן אַן אידילישע שלום־ושלווה.

משיח קומט! און ווער וועט אים אַנטקעגנגיין?...

אין כסלו האָבן זיך געשטעלט פרעסט, דאָס שטעטל איז איינ־געהילט געוואָרן אין שניי. יידן האָבן זיך נאָך ווייט אין חשוון פאַרזאָרגט מיט האָלץ, קאַרטאָפל, ציבעלעס, בוראַקעס. מען האָט פאַרקלעפּט די פענצטער און פאַרשטאָפּט מיט וואַטע, אַז קיין בייזער ווינט זאָל נישט בלאָזן.

אין די דאָזיקע לאַנגע ווינטער־נעכט האָבן יידן פאַרברענגט אין בית־המדרש. געשטאַנען איז אין בית־המדרש אַ גרויסער אויוון פון ציגל, אַרום דעם אויוון זענען געשטאַנען לאַנגע בענק, אויף וועלכע מען האָט זיך געוואַרעמט ביים אויוון, און דער שמש האָט געהאַלטן אין איין אַריינוואַרפן שייטלעך האָלץ, דער אויוון זאָל גוט ברענען. אין בית־המדרש איז געווען וואַרעם. בחורים האָבן געלערנט שיעור ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דעם אויבן אָן ביים גליענדיקן אויוון האָבן פאַרנומען די בטלנים, און וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן איז כדאי צו דערציילן:

שטענדיקע אויוון־זיצערס זענען געווען: דער לאָמער הערשל, יעקעלע, משה פּאָסטראַנע, יחיאלעלע גלעזער, דער טויבער יואל, משה פלאָפּ, שאַיע וואַסערטרעגער, הלל שמש, נתן דוד וואַ־סערטרעגער, נאָטעלע חזן, דער לאָמער זעליג לייב און נאָך אַ סך וועמענס נעמען איך געדענק שוין נישט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן בלויז צוגעלייגט אָן אויער און צוגעהערט זיך צו זייערע מעשיות.

צו יענע צייט איז אָנגעגאַנגען די מלחמה צווישן יאַפּאַן און רוסלאַנד, די בטלנים ביים אויוון פלעגן „אָנווייזן” אויף דער „מאַפּע” — וואָס איז געווען די האַנט — ווי עס האַלט

מיט דער מלחמה. די „מאַפּע" איז געווען די האַנט פון הלל שמש. ער האָט דאָס אויסגערעכנט, ווי אַזוי די שלאַכטן אויף די פראָנטן גייען אָן, און ווער עס וועט זיגן אין דער מלחמה! משה פּאַסטראַנע האָט געהאַלטן אַ שטיק קרייד און „גענוי" געצייכנט אויפן אויוון די פראָנט־ליניעס.

טרעפט זיך אַמאָל בעת אַזאַ שמועס וועגן דער מלחמה און הלל שמש מיט משה פּאַסטראַנע האָבן זיך שטאַרק צעוואַרעמט אין מלחמה־וויכוח, ווער עס וועט געווינען? הלל שמש האָט אָנגעוויזן, ווי דער טאָג איז קלאָר, אַז משה הייבט נישט אָן צו וויסן וואָס ער רעדט, און משה פּאַסטראַנע שרייט גאָר, אַז הלל איז אַ בטלן און דאַרף זיך נישט מישן אין אַזעלכע ענינים ווי מלחמה. דאָ, איז פּלוצים אויפגע־שפּרונגען דער לאָמער זעליג לייב און דער לאָמער הערשל און שרייען אויף אַלע קולות:

— לאָמיר ליבערשט רעדן וועגן די נייע גזירות אויף יידן, און אפשר טאַקע גאָר, ווען, וועט קומען משיח?...

האָט זיך אָנגעהויבן אַ הייסער וויכוח וועגן משיחן, דער לאָמער זעליג לייב ווייזט אָן, אַז לויט אַלע סימנים דאַרף משיח קומען הייַנטיקס יאָר, נישט אַנדערש, ווי נאָר די נייע גזירות אויף יידן וועלן אַרויס, קומט משיח! ווען די איבעריקע יידן, וואָס האָבן געלערנט ביי די טישן האָבן דערהערט, אַז מען רעדט וועגן משיחן, האָט זיך ביים אויוון פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַלץ הייסערער וויכוח, ווען משיח וועט קומען.

רופט זיך אָן דער לאָמער זעליג לייב:

— יידן לאָמיר זאָגן ווער עס זאָל זיין פון די ערשטע חסי־דים אין שטאָט, וואָס זענען ראוי אַנטקעגנצוגיין משיחן?

— פאַרשטייט זיך, אַז אוודאי די קוזמירער חסידים — קומט ער צום אויספיר.

— פאַרוואָס?

— ווייל דער קוזמירער רבי איז דעם טריסקער מגידם אַ זון, ערשט נאָך די קוזמירער זאָלן גיין די גערער חסידים, נאָך די גערער די זשיקעווער און צום סוף די טורנער חסידים.

און זעליג לייב האָט ווייטער געצויגן: ווער וועלן זיין די זינגער, וואָס וועלן מיט געזאַנג אַנטקעגנגיין משיחן? און דאָ איז ער געקומען צום אויספיר, אַז נישט קיין אַנדערע ווי ר׳ ירחמיאל און נאָטעלע חזן און זייערע משוררים וועלן זיין די גמרא־בחורים.

ווייטער האָט מען דעם לאָמען זעליג לייבן נישט געלאָזט רעדן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגערייי.

די טורנער חסידים זענען מיט כעס אויפגעשפּרונגען, הלמאי די ערשטע אַנטקעגנצוגיין משיחן דאַרפן זיין די קוזמירער חסי־דים. נאָטעלע חזן איז מיט זיי נישט מסכים געווען, און אויפגע־וויזן, אַז די קוזמירער חסידים זענען פון גרעסערן יחוס, ווי די טורנער און דער עולם האָט זיך איינגעשטילט, עס איז אָבער באַלד אויפגעשוואומען אַ צווייטע האַרבע שאלה, ווער וועט אַנטקעגנטראָגן משיחן די ספר־תורות? הכלל ס׳איז אָפּגעפּסקנט געוואָרן אַז טראָגן די ספר־תורות דאַרפן דודל ר׳ לייזערס, נאָטע יאָסלס און אַנדערע שטאַרק אָפּגעהיטענע יידן.

דורכגעקומען מיטן ענין, ווער עס דאַרף טראָגן די ספר־תורות, האָט זיך ווידער געשטעלט די שאלה, ווי אַזוי דורכצו־פירן די הכנות פון מקבל־פּנים זיין משיחן. קודם־כל דאַרפן זיי גיין אין מקווה אַריין, אָנטאָן ווייסע קיטלען מיט טליתים און ווייסע זאָקן. וואָס טוט מען אָבער, אַז אין פּאָקשיוויניצע איז נישטאָ קיין ווייסע זאָקן, די פּיס בינדט מען אַרום מיט שטשער־קעס. איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן נייע שטיוול.

ווער זאָל מאַכן די שטיוול? פאַרשטייט זיך ביי פרומע יידן און אַזעלכע פרומע שוסטער פעלן נישט אין שטעטל. האָט מען גענומען אויסרעכענען די נעמען פון שוסטער, וואָס זענען ראוי צו מאַכן די שטיוול. זוסמאַן שוסטער זאָגט תהילים ווען

ער מאַכט די שטיוול, מרדכי שוסטער דאַוונט אַ גאַנצן טאָג, און עקיבא שוסטער גייט יעדן טאָג אין מקווה, ס׳איז נאָך פאַראַן גאָטס שוסטער, דער טויבער רבקהס איידעם, ער לערנט משניות בעתן נייען די שטיוול, ס׳איז פאַראַן דער טויבער שוסטער, אָבער אים האָבן זיי געפּסלט, ערשטנס קאָן ער נישט דאַוונען, והשנית האָט ער אַ חסרון, במילא טאָר ער נישט מאַכן די שטיוול פאַר די וואָס דאַרפן טאַנצנדיק אַנטקעגנגיין משיחן.

שוין דורכגעקומען מיט די שטיוול האָט זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח דורך וועלכער גאַס משיח דאַרף אָנקומען? זאָל ער אָנ־קומען דורך דער צוויזמער גאַס? קאָן נישט זיין! דאָרט געפינט זיך די טומאה, אין דער אַפּטער גאַס איז אויך פאַראַן אַ קירכע, אויף דער אָשיקער גאַס געפינט זיך דער גויישער צמענטאַרזש, האָט מען באַשלאָסן, אַז דער כשרסטער וועג איז דאָס באָד־געסל! און דאָרט דאַרף משיח אָנקומען. און אַלע האָבן מסכים געווען. דער וויכוח האָט זיך פאַרענדיקט און מען איז צו־פרידענע אַוועק מיטן געדאַנק, אַז משיח דאַרף היינט־מאָרגן קומען...

מען בויט אַ תיבה...

...געשען איז דאָס פאַר פורים. די הימלען האָבן זיך ווי געעפנט און אָן איבעררייס האָט געגאָסן אַ רעגן צען טעג, ממש אַ מבול. די שנייען פון גאַנצןווינטער האָבן גענומען טייען. די ווייסל און אַלע אַנדערע קלענערע טייכלעך האָבן אויסגעגאָסן. אַלע דערפער זענען פאַרפלייצט געוואָרן, מאַנכע הייזער האָט דאָס וואַסער אַוועקגעשלעפט מיט זיך. די מענטשן זענען אָפגעשניטן געוואָרן פון דער וועלט, קיינער איז אין שטעטל נישט געקומען און קיינער איז נישט אַרויס. אַלע וועגן וואָס פירן אין שטאָט אַריין זענען פאַרפלייצט געווען מיט וואַסער.

פּאָקשיוויניצע שטייט אויף אַ באַרג, האָבן די איינוואוינער נישט געליטן, מען האָט געקאָנט אַרויסגיין פון די הייזער. וואוהין זענען זיי געגאַנגען? פאַרשטייט זיך אין בית-המדרש. די רעגנס האָבן ווייטער אָנגעהאַלטן. די בטלנים ביים אויוון האָבן געזאָגט נישט אַנדערש, נאָר ווי אין נחס צייטן וועט זיין אַ מבול, און אויב אַ מבול ווי אַזוי קאָן מען זיך ראַטעווען?

האָבן די בטלנים באַשלאָסן צו מאַכן אַ תיבה. פרעגט איטשעלע היטלמאַכער: „רבותי, ווער זאָל מאַכן די תיבה?" ענטפערט אים יעקעלע, אַז דער הויכער מאיר דוד, וואָס שטעלט הייזער, וועט אויך קאָנען מאַכן די תיבה. אַז דער קליינער זיסעלע בעקער האָט דאָס דערהערט, רופט ער זיך אָפּ: „וויפל מענטשן וועלן קאָנען אַריין אין דער תיבה?" ענטפערט אים הלל שמש, אַז אין דער תיבה וועט מען אַריינגעמען מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין חסרון. פלוצים שפרינגט אויף דער לאָמער

זעליג לייב: „האַ, וואָס? איר וועט מיך נישט אַריינלאָזן אין דער תיבה?", און דער טויבער פישל האָט זיך אָנגעהויבן כעסן הלמאי מען וועט אים נישט אַריינגעמען אין דער תיבה.

אַלע איבעריקע קאַליקעס אין בית-המדרש האָבן זיך צע־שריגן, אַז מען וועט זיי נישט אַריינלאָזן אין דער תיבה, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שאַרפע קריגעריי. דער טומל און מהומה איז געווען אין לשער. ווער ווייסט צו וואָס די מחלוקה וואָלט דערפירט, ווען דער שמש גיט נישט אַ קלאַפּ אין טיש, און רופט אויס מיטן גאַנצן כוח: „שאַ־אַ־אַ! שוין צייט צו שטעלן זיך מנחה דאַווענען!!!"

„שדים" קלאַפּן אין אַבעלעס דאַך

אין שטעטל איז געווען אַ משוגענע, איר נאָמען איז געווען שיינדל מאַטל, זי איז געווען אייזשע שמשס ווייב. די דאָזיקע פרוי איז נישט סתם געווען משוגע, נאָר ווילד משוגע. אַזוי ווי אייזשע שמש, הלל שמשס זון, איז געווען אַ גרויסער אביון, האָט קהל באַשלאָסן צו רופן אַן אַסיפה און זען וואָס צו טאָן מיט דער משוגענער.

די אַסיפה האָט באַשלאָסן צו דינגען אַ פור און אָוועקפירן די משוגענע צום אָסטראָווצער רבין, ער זאָל דאָס „אַרויסטרייבן" פון איר דעם דיבוק. מען האָט איר ספּעציעל אויפגענייט אַ קלייד, וואו די הענט זענען געווען פאַרבונדן, אַרויפגעלייגט אויף דער פור און געבראַכט צום רבין. דער רבי האָט אָבער נישט געקענט פון איר דעם דיבוק אַרויסטרייבן און מען האָט איר צוריקגעברענגט אַהיים.

האָט מען ווידער אַ מאָל גערופן אַן אַסיפה און באַטראַכט וואָס צו טאָן מיט דער משוגענער, ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפקלאַפּן אַ בודע לעבן בית-המדרש, אַריינלייגן שטרוי, אויסהוילן אַ לאָך דורך וועלכן מען זאָל קאָנען אַריינגעבן עסן, און דאָרט זאָל זיך געפינען די משוגענע שיינדל מאַטל. ס'איז גוט געווען, וואָס דאָס איז געשען זומער-צייט, אין דער בודע איז זי פאַרבליבן ביז ימים-נוראים. ערב ראש-השנה איז זי גע־שטאָרבן, און מען האָט איר מקבר געווען ביים פאַרקאָן.

עטלעכע וואָכן זענען פאַרביי נאָך די יום-טובים. עס האָבן זיך אָנגערוקט די חשוונדיקע רעגנדיקע און פינצטערע נעכט, און פּלוצים — פונקט 12 ביינאַכט — האָט אָנגעהויבן קלאַפּן

אין בלעכענעם דאַך ביי אַבעלע אין מאַרק. דאָס האָט זיך אי־בערגעחזרט יעדע נאַכט. אַלעמען איז באַפאַלן אַ פחד, מען האָט מורא געהאַט ביינאַכט אַרויסצושטעקן די נאָז. די בטלנים האָבן געזאָגט, אַז מתים גייען אַרום אין מאַרק און אין די גאַסן.

יידן זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין בית־המדרש, ס'איז אויך געווען דער מורה־הוראה. מען האָט אָפּגעהאַלטן אַן אַסיפה, וואָס צו טאָן? דער גבאי האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט, אַז קהל האָט געזינדיקט, וואָס די משוגענע שיינדל מאַטל איז נישט גוט באַהאַנדלט געוואָרן, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די חברה־קדישא מיטן מורה־הוראה זאָלן אַוועק אויפן בית־עולם בעטן מחילה ביי שיינדל מאַטל, זי זאָל גיין אין איר רו אַריין און אויפהערן קומען אין שטעטל קלאַפּן אין אַבעלעס דאַך. פון בית־עולם איז דער עולם אַוועק מיט אַ דערלייכטערט האַרץ, ווי אויך מיטן געדאַנק, אַז די שטאָט איז געהאָלפן געוואָרן און שיינדל מאַטל וועט מער נישט קומען!

די נאַכט איז צוגעפאַלן און צו חצות האָט אין אַבעלעס דאַך ווידער געקלאַפּט. מען האָט איבערגעוואַרט נאָך אַ טאָג און פונקט 12 ביינאַכט האָט ווייטער געקלאַפּט. אויפן דריטן טאָג האָט דער מורה הוראה באַפוילן דעם שמש, ער זאָל נעמען דעם הילצערנעם האַמער און אינדערפרי אָנקלאַפּן אין אַלע יידישע הייזער מען זאָל קומען אין בית־המדרש אַריין! די געוועלבער האָט מען פאַרמאַכט און אין שטאָט איז געוואָרן אַ טרויער, ווי אין תשעה־באָב.

ווען די גאַנצע עדה יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין בית־המדרש און מען האָט אָנגעהויבן זאָגן תהילים איז שפּעטער באַשלאָסן געוואָרן, אַז גאַנץ קהל זאָל גיין אויפן בית־עולם צו שיינדל מאַטלס קבר בעטן מחילה און גוזר זיין אויף איר, זי זאָל נישט קומען מער קלאַפּן אין אַבעלעס דאַך. מען האָט אויך געבלאָזן שופר.

אַפילו אויף די גויים איז באַפאַלן אַ פחד. ווען די מענטשן

האָבן פאַרלאָזן דעם בית-עולם זענען זיי געווען אַרומגענומען אין טרויער. אַלע האָבן געזאָגט, אַז עפּעס שלעכטס רוקט זיך אָן אויף דער שטאָט.

אַזוי האָט געדויערט צוויי וואָכן ביז די לבנה האָט אָנגעהויבן שיינען...

ביי יהודה לייב „דעם פילאָזאָף" אין טיי-הויז איז געווען דאָס אָרט, וואו עס פלעגן זיך צונויפקומען די אויפגעקלערטע, צו אים זענען געקומען יידישע ציימונגען און חברה פלעגט די וועלט איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ! אַ געוויסן אָוונט, ווען די לבנה האָט געשיינט ווי אַ זילבערנער טעלער, האָט מען ביי אים אָנגעהויבן אַרומריידן וועגן סודותפולן קלאַפּן אין אַבעלעם דאַך, האָבן זיך עטלעכע בחורים אָנגערופן: אַזוי ווי ס'איז איצט אַ ליכטיקע נאַכט זענען זיי גרייט גיין אַ קוק טאָן, וואָס דאָרט קומט פאָר.

פיר בחורים האָבן גענומען שטעקנס אין די הענט און שטילערהייט אַריינגעשלייכט זיך אין גאָרטן פון אונטערשטן טייל פון הויז. זיי האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די ביימער און געוואָרט עס זאָל קלאַפּן 12 ביינאַכט. ווען ס'האָט זיך דערנענטערט 12 אַזייגער האָבן זיי באַמערקט ווי פונעם גויישן געסל קומען אָן דריי געזונטע שקצים מיט אַ זאַק שטיינער און הייבן אָן וואַרפן אין אַבעלעם דאַך, וואָס האָט אין דער שטילקייט אָפּגעהילכט מיט אַ שטאַרקן ווידער-קול. די יידישע בחורים, גע-זונטע חברה-לייט, זייערע נעמען זענען געווען יאָקל מאיר דודס, פּרץ שניידער, דער הויכער נחמן, משה זעליקס, זענען אַרויס-געשפּרונגען פון זייער באַהעלטעניש און האָבן מיט די שטעקנס גוט אָנגעבראָכן די שקצים די ביינער. פון דעמאָלט אָן האָט אויפגעהערט קלאַפּן אין אַבעלעם דאַך.

מיין מלמד — משה תנחן

אין שטעטל איז געווען אַ מלמד מיטן נאָמען משה תנחן. איך בין געווען זיינס אַ תלמיד. צו יענער צייט האָט די צאַרישע מאַכט נישט דערלויבט צו גיין אין חדר. יעדן חודש פלעגט אַראָפּגעקומען „נאַטשאַלסטוואַ” פון צוויזמיר און געזוכט צי מען לערנט אין די חדרים. ווען זיי האָבן געטראָפן אַ מלמד לערנען מיט קינדער, איז ער באַשטראָפט געוואָרן.

דעם טאָג ווען נאַטשאַלסטוואַ איז אַראָפּגעקומען האָט מען געלאָזט וויסן די מלמדים. ווען משה תנחן האָט דערהערט, אַז נאַטשאַלסטוואַ איז דאָ אין שטעטל, האָט ער געהייסן זיינע תלמידים אַרויסגיין צו זיינוול יאָסלס, וואָס האָט געוואוינט אין מאַרק אויפן צווייטן שטאָק און דאָרט וועט מען דעם טאָג לערנען.

מען האָט די קינדער אַריינגעפירט אין אַ שיינער, גרויסער „סאַלע”, דאָרט איז געשטאַנען אַ גרויסער, פינקלדיקער שפיגל פון סופיט ביז דער פּאָדלאָגע, קעגנאיבער דעם שפיגל האָט מען אוועקגעשטעלט אַ גרויסן טיש אַרום וועלכן די צען תלמידים האָבן זיך אוועקגעזעצט. ווען משה תנחן איז אַ פאַרסאַפּעטער אַריינגעקומען האָט ער דערזען אַ מאָדנע בילד, אַנשטאָט זיינע צען תלמידים, האָט ער איצט געהאַט — צוואַנציק. ער האָט אָנגעהויבן שרייען: „ווער האָט מיר אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל און צוגעגעבן צען תלמידים?!”

די קינדער האָבן זיך פאַרוואונדערטע איבערגעקוקט, נישט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס דער רבי שרייט. ער האָט אָבער ווייטער געשריען: „שקצים, וואָס גייט איר מיך אָפּנאַרן!”

זיינע געשרייען האָבן זיך דערטראָגן צו זיינוולען. ער איז אַריין און געפרעגט זיך:

— משה וואָס שרייסטו?

טענהט ער ווידער, אַז מען האָט אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל און אַרויפגעשיקט נייע 10 תלמידים. זאָגט אים זיינוול:

— משה, דו האָסט נישט מער, ווי 10 תלמידים, וואָס שרייסטו?

— ווי איך זע, זיינוול, ווילסטו מיך אויך צום נאַר מאַכן, — בלייבט משה ביים זייניקן — איך וועל זיך נישט לאָזן!

ערשט דאַן האָט אים זיינוול אָנגענומען ביי דער האַנט און אָנגעהויבן צוזאַמען מיט אים ציילן די קינדער — מער ווי 10 איז נישט געווען!

לאָזט משה ווייטער נישט אָפּ: — פון וואַנען זשע נעמען זיך פאָרט די איבעריקע צען, וואָס זיצן דאָ אין צווייטן חדר?

זיינוול האָט אים צוגעפירט צום שפּיגל און געוויזן, אַז דאָרט איז קיין צימער נישט פאַראַן, אַז דאָס שפּיגלען זיך אָפּ די קינדער אין גרויסן שפּיגל: — גיב, משה אַ גוטן קוק. די זעלבע דיינע גוט-באַקאַנטע תלמידים.

— אָוואַ! — האָט ער מיט פאַרוואונדערונג אויסגערופן — זינט איך לעב, זע איך אַזאַ גרויסן שפּיגל! — און האָט זיך אָן איבערגעצייגטער געזעצט קנעלן מיט די יינגלעך.

נאָך איין אינטערעסאַנטע פּאַסירונג האָט זיך געטראָפן מיט מיין מלמד משה תנחן. אין אַ געוויסן ווינטער-טאָג, שבת צונאַכטס, איז משה תנחן געפאָרן קיין אַסטראָווצע, דער בעל-עגלה איז גע-ווען מאָטל קראָוויעגורא, ער האָט געהאַט צוויי זין און 2 גרויסע פערד און וועגן. מאָטל קראָוויעגורא האָט צוויי מאָל אין וואָך געפירט סחורות און פּאַסאַזשירן פון פּאָקשיווניצע און געבראַכט סחורות אין שטעטל אַריין.

שבת אויף דער נאַכט נאָך הבדלה איז ער געקומען אין מאַרק צוזאַמענצונעמען די פּאַסאַזשירן און נעמען באַשטעלונגען

אויף סחורות פאַר די געוועלבער אויף אַ גאַנצע וואָך ווי: מעל, צוקער, נאַפט, זאַלץ, ליכט, הערינג, בשמים־זאַכן וכדומה. אַזאַ מין „יאַזדע״ הין־און־צוריק האָט געדויערט 3 טעג.

דעם שבת צונאַכטס ווען משה תנחן איז געפאָרן, איז געווען זייער קאַלט. די פּאַסאַזשירן אָנגעטאָן אין גראָבע באַנדעס, איבערגעצויגן די קאַפּטורן איבער די קעפּ, אַזוי אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען די נאָז און דאָס מויל, זענען זיך צונויפגעקומען אין מאַרק. פון פאָקשיוואַניצע ביז אַסטראָוויצע איז אַ מהלך פון 42 וויאָרסט. דער וועג איז געווען אַ זאַמדיקער און בלאָטיקער. ווינטער איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיקער גרודעס. יעדע צוויי מייל האָט דער בעל־עגלה אָפּגעשטעלט די פערד אָפּצורוען און געבן זיי פּאַשע. ווי דער שטייגער, האָט מען זיך פאַרהאַלטן ביי אַ קרעטשמע.

די פּאַסאַזשירן זענען אַראָפּ פון וואָגן צו דערוואַרעמען זיך, אַריין אין קרעטשמע טרינקען אַ גלעזעלע טיי. זיי האָבן אויך אויסגעגלייכט די ביינער פון זיצן איינגעקוועטשטע אויף די האַרטע ברעטער. נאָכן אָפּרו איז מען ווייטער געפאָרן. אַזוי איז געווען דער גאַנצער וועג, הין־און־צוריק.

אויף צוריקוועגס איז מען אָנגעקומען קיין פאָקשיוואַניצע שפּעט ביינאַכט. ס׳איז געווען שטאָק־פינצטער, דאָס שטעטל איז פאַרזונקען געווען אין טיפן שלאָף.

— משה — רופט זיך אָן דער בעל־עגלה צום מלמד — קאָנסט שוין אַהיימגיין. פרעגט ער זיך: „וואָס פאַר אַ קרעטשמע איז דאָ?״, נישט וויסנדיק אַז מען געפינט זיך שוין אין שטעטל.

דאָ האָט מאָטל דער בעל־עגלה געוואָלט טרייבן קאַטאָוועס און ענטפערט אים, אַז ער גייט פּאַשען די פערד, אויב ער, משה תנחן, וויל, קאָן ער זיך צוזעצן אויף דער באַנק, ביז די פערד וועלן זיך אָנפּאַשען. אַן איינגענורעטער פון קעלט פרעגט זיך ווידער משה תנחן:

— פֿאַרוואָזשע עפּעס ביי דער קרעטשמע אַזאַ גרויסער מאַרק? ענטפֿער'ט אים דער בעל-עגלה, אַז דאָ איז אַ גרויסער דאָרף.

אין דרויסן האָט געברענט אַ פראָסט. זיצנדיק אויף דער באַנק האָט משה תנחן מלמד אַדורכגענומען אַ ביטערע קעלט. עס האָט זיך אים געוואָלט אויסטרינקען אַ גלאָז הייסע טיי. אָבער ווי אַזוי קאָן ער טרינקען טיי, ווען אין קרעטשמע איז פינצטער?

— זאָרג נישט משה תנחן, רופט זיך אָן דער בעל-עגלה. איך וועל אָנקלאַפּן אין דער קרעטשמע און מ'וועט דיך אַריינלאָזן.

— קום, משה, מיט מיר צו דער קרעטשמע.

און דער בעל-עגלה האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און פירט דעם מלמד אין דער פינצטערניש צו דער „קרעטשמע", צופירנדיק אים צו זיין אייגענער שטוב. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אינעווייניק האָט זיך אָנגעצונדן אַ לאָמפּ און משה תנחנס ווייב איז אַרויסגעקומען מיט אַ ליכט אין דער האַנט.

אַז דער מלמד האָט דערזען זיין ווייב, האָט ער מיט ירגזון אויסגערופן: „ווי קומסטו דאָ, פייגעלע, אין דער קרעטשמע"? ערשט אין שטוב האָט ער זיך צעשריען: „זאָג מיר, ווער האָט דיך אַהער געבראַכט אין קרעטשמע"? צו מאָטל בעל-עגלה, וועל-כער האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ער געפינט זיך ביי זיך אין דער היים, האָט ער זיך אָנגערופן: „מאָטל, וואָס ווילסטו מיר איינרעדן אַז איך געפין זיך ביי מיר אין שטוב, וואָס בין איך עפּעס אַ נאַר?"

ער'שט ווען מאָטל האָט אים געוויזן דעם טיש ביי וועלכן ער לערנט מיט זיינע תלמידים און זיינע שלאָפנדיקע קינדער, האָט משה תנחן אָנגעהויבן גלויבן, אַז זיין ווייב געפינט זיך נישט אין קרעטשמע...

צוויי חתונות אין שטעטל

איינע פון די שענסטע חתונות אין שטעטל איז געווען די חתונה פון ריקטשע מאיר דודס צינעמאַן. אַזאַ חתונה האָט פּאָקשיוווניצע קיינמאָל נישט געזען. ס'איז געווען אַ שמחה און אַ יום-טוב פאַר אַלץ און אַלעמען. דאָס גאַנצע שטעטל, יונג און אַלט, האָט געלעבט מיט דער דאָזיקער חתונה.

שוין אַ שטיק צייט פאַר דער חתונה האָט מען וועגן איר גערעדט אין יידישע שטובן. עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. פון וואַרשע האָט מען אַראָפּגעבראַכט שניידער צו נייען די „וויפּראַווע", הייסט, די צוגרייטונגען צו דער חתונה-סעודה. אין די קאַמערן זענען שוין געשטאַנען גרייט די פינקל-דיקע ווײַנען און אַקאַוויט. טעג פריער האָבן זיך געטראָגן די געשמאַקע ריחות פון די געבאַקענע לעקעכער און געבראָטענע פליישן. נישט קיין קלייניקייט: האָט דאָך אויף דער חתונה גע-דאַרפט זיין דאָס גאַנצע שטעטל, אָרעם און רייך, אַחוץ געסט פון אַנדערע שטעט, הייסט די פּריצים און פּריצהטעס. גאַנצע 7 טעג האָט מען געהוליעט, געטאַנצט און געזונגען, געגעסן און געטרונקען.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון דער חתונה. וויפל בחו-רים עס זענען געווען אין בית-המדרש זענען אַנטקעגנגעפאָרן דעם חתן אויף פּריצישע ברישקעס, געשפּאַנטע אין פלינקע פערד. מקבל-פּנים זיין דעם חתן איז אויך געפאָרן אַ קאַפּעליע קלעזמאָרים.

ווען דער דאָזיקער פריילעכער און פאַרביקער קאַראַהאָד איז אָנגעקומען אין שטעטל, איז קינד און קייט אַרוים אין די

גאַסן. די ברישקעס זענען מיט אַ טראַסקערײַ אָנגעקומען אין מאַרק און מען האָט זיי 7 מאָל אַרומגעדרייט אַרום דעם ברונעם. קלעזמאָרים האָבן געשפּילט פריילעכע מאַרשן און די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעפילט דעם מאַרק האָבן געטאַנצט.

געווען איז דאָס זומער־צייט. דער טאָג איז געווען אַ זוניקער און אַ שיינער. צו דער דאָזיקער רייכער חסידישער חתונה זענען זיך צונויפגעפאָרן רביים פון גאַנץ פּוילן. עס האָבן אויך געצויגן קיין פּאָקשיווניצע אָרעמעלייט פון אַלע עקן, פון נאָענט און ווייט. איין קליינקייט — מען וועט עסן און טרינקען פון כל־טוב גאַנצע 7 טעג. מען האָט זיי אויך אויסגעטיילט געלט.

דער חתן איז איינגעשטאַנען ביי זיינוול יאָסלס ציגעמאַן, אין מאַרק. די כלה איז געווען ביי טאַטע־מאַמע אין הויז. אָנגע־הויבן האָט זיך די חתונה אין אָוונט. די פּאַראָבקעס פון צי־געמאַנס פּריצישן הויף זענען זיך צונויפגעפאָרן אין מאַרק. מיט אַ געפּייף האָבן זיי געקנאַקט מיט זייערע בייטשן, געזונגען פריי־לעכע פּוילישע פאָלקס־לידער, געשפּילט אויף האַרמאָניעס און געלאָזט זיך אַוועק אין אַ פייערדיקן טאַנץ.

קיין עלעקטרישע באַלייכטונג איז אין יענער צייט אין פּאָק־שיווניצע נישט געווען. דאָס שטעטל איז איינגעטונקען געווען אין ליכט פון נאַפט־לאָמפּן און ליכט, וואָס מענטשן האָבן געהאַלטן. דער גאַנצע מאַרק איז געווען ליכטיק פון די ליכט, וואָס מען האָט אָנגעצונדן אין די פענצטער. געווען צוויי קאַפּעליעס קלעזמאָ־רים. איינע פון אָפּט און די צווייטע — פון קלעמענטאָוו. איין קאַפּעליע האָט געשפּילט אין מאַרק און די צווייטע אין הויז פון דער כלה, וואו מיידלעך און פרויען האָבן געטאַנצט. די מענער האָבן געטאַנצט אין מאַרק. צוויי בדחנים זענען געווען. איינער פאַר דער כלה און איינער דער חסידישער, פאַרן חתן.

ווער געדענקט נישט, ווי אַזוי די כלה האָט אויסגעקוקט אין טאָג פון דער חתונה? זי האָט געהאַט דעם חן פון אַן אמת־דיקער שיינער יידישע כלה. דער חתן האָט אויסגעזען, ווי אַן

אמתדיקער חסידישער חתן. מיט זיינע עטלעכע הערעלעך אין בערדל און איידל פּנים האָט ער אויסגעקוקט ווי אַן אמתדיקער תמימותדיק־אומשולדיקער בחור. אָנגעטאָן איז ער געווען אויפן רבנישן שטייגער.

איך געדענק ווי דער חתן, אַרומגעזעצט מיט די בחורים אַרום דעם לאַנגן טיש, האָט געזאָגט פּשטלעך און תורה. יידן־לומדים האָבן זיך געשפּאַרט אין דער אָפענער טיר צו הערן, ווי דער חתן זאָגט תורה. לעבן חתן איז געזעסן זיין פּאָטער, דער וואַידיסלאַווער רבי, און געשעפּט נחת פון זיין זונס דרשות. דער חתן איז געבוירן געוואָרן אין וואַידיסלאַוו און פון דור־דורות האָט זיך זיין יחוס געצויגן פון רבנים.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס באַדעקן די כלה. דער בדחן האָט מיט אַ טרויעריק־ציענדיקן ניגון אָנגעהויבן באַזינגען די כלה. פרויען און מיידלעך האָבן געוויינט. נאָכן באַדעקן די כלה זענען די מחותנים, די קלעזמאָרים און דער גאַנצער עולם אַוועק באַזינגען דעם חתן. דער חסידישער בדחן האָט אָנגעהויבן אויף אַ געגראַמטן אופן אויסצוזינגען פאַרשידענע פּאַסיקע פּסוקים און געזאָגט תורה. דער חתן האָט אַרויסגענומען אַ טיכל און פאַרדעקט די אויגן. די קלעזמאָרים האָבן אין טאַקט פון בדחן גע־שפּילט טרויעריק־פאַרצויגענע ניגונים.

עס הייבט זיך אָן דאָס אונטערפירן צו דער חופּה. די חופּה איז פאָרגעקומען לעבן בית־המדרש, ס׳איז שוין געווען ביינאַכט. אומפאַרגעסלעך איז דער חופּה־מאַרש צו דער בית־המדרש־גאַס. פאָראויס איז געגאַנגען אייזשע שמש מיטן גרויסן לאָמפּ אין וועלכן עס האָבן געברענט אַ סך ליכט און באַלויכטן דעם וועג. נאָך אים די קלעזמאָרים, וואָס האָבן געשפּילט פריילעכע חופּה־מאַרשן, נאָך זיי טאַטע־מאַמע פון חתנס צד, אונטערפירנדיק דעם זון מיט איין האַנט און אין דער צווייטער — האָבן זיי געהאַלטן ליכט. דער חתן אין ווייסן קיטל איז געגאַנגען פאַרשטעלט די אויגן מיטן טיכל. די כלה איז אונטערגעפירט געוואָרן פון אירע

עלטערן, אויך זיי האָבן געהאַלטן ליכט אין די הענט. די כלה איז געגאַנגען איבערגעדעקט דאָס פּנים מיט אַ וועלאָן. נאָך זיי איז געגאַנגען דער גאַנצער עולם, מענער פרויען און קינדער. אַלע, יונג און אַלט, האָבן געהאַלטן ליכטלעך, וואָס האָבן געצאַפּלט מיט זייערע פלעמלעך אין דער זומערדיקער נאַכט.

די חופּה איז אַרומגערינגלט געווען מיט רבנים. נאָך מסדר-קידושין, ווען ס'איז שוין צעבראָכן געוואָרן דאָס גלעזל און לויט דער חזקה, האָט הלל שמש אויסגערופן אויפן הויכן קול אין פּויליש, געבנדיק דער כלה די כתובה: „מאַש קאָנטראַקט אי זשיאַיטשע ראַזעם 120 לאַט". דער עולם האָט הויך אויסגערופן: „מזל-טוב!" און די קאַפּעליעס האָבן אויפגעשפּילט פריילעכע חתונה-מאַרשן און מען האָט זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן אין די גאַסן.

חתן-כלה, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געפאַסט, האָט מען אַריינגעפירט אין חדר-מיוחד. דער חתן האָט אַראָפּגענומען פון דער כלהס פּנים די באַדעקונג און ערשט צום ערשטן מאָל האָבן זיי זיך געזען. אין מאַרק האָט דער עולם ווייטער געטאַנצט. אַפילו די גויים פון שטעטל האָבן געטאַנצט. מען האָט דאָרט אויסגעשטעלט ריזיקע טישן און אָנגעהויבן סערווירן פאַרן גרויסן עולם. פאַר די מחותנים און חשובע געסט זענען סערווירט געוואָרן טישן אין הויז פון דער כלה.

אַלע וועגן, וואָס האָבן געפירט צום מאַרק זענען אָפּגעצוימט געוואָרן, אַז קיין וועגענער זאָלן נישט אַריינפאָרן, פון צווישן איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען פּאָליציי צו האַלטן אָרדענונג. בעת ד'ער סעודה פון די חשובע געסט האָט דער בדחן אָנגע-הויבן אויסרופן דרשה-געשאַנק. די מחותנים האָבן זיך אַוועק-געלאָזט טאַנצן דאָס מצווה-טענצל מיט דער כלה. פּלוצים האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז חתן-כלה זענען פאַרשוואונדן געוואָרן, מען האָט זיי שוין אַוועקגעפירט אין חדר-מיוחד. דער עולם האָט זיך אָבער ווייטער משמח געווען ביז אין גרויען טאָג אַריין. אויך אין מאַרק האָט מען געטאַנצט און געהוליעט ביזן פרימאָרגן.

אַזאַ חתונה קען מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן! ווייט אויסער פּאָקשיוויניצע האָט מען וועגן איר גערעדט. 7 טעג האָט די חתונה אָנגעהאַלטן. פאַר די אַלע אָנגעפּאַרענע אָרעמעלייט האָט מען אין די טעג פון שבע-ברכות געגעבן עסן און טרינקען.

***

איצט, וועל איך באַשרייבן אַ צווייטע חתונה — די אָרעמסטע חתונה אין שטעטל.

געווען אַ מנהג נישט דערלאָזן פאַרזיצן אַלטע מיידלעך ביזן גרויען צאָפּ אַריין. אויך וועגן אַלטע בחורים האָט מען געטראַכט ווי אַזוי זיי חתונה צו מאַכן.

ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ בחור מיטן נאָמען לייבוש, שוין געווען אַ בחור אין די יאָרן און נישט קיין גרויסער חכם. געווען אויך ביי אונדז אַן אָרעם מיידל, שוין אויך אין די יאָרן. זיי האָבן שוין ביידע „געמעגט הערן שפּילן". קהל האָט זיך אַרומגעזען, אַז ס'וואָלט געווען אַ גרויסע מצווה זיי ביידע צונויפצופּאָרן. מען האָט געמאַכט אַ שידוך און באַשטימט אַ זמן חתונה.

די חתונה האָט געדאַרפט פאָרקומען צווישן פּורים און פּסח. וויזשע נעמט מען געלט אויף חתונה-הוצאות? איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצונעמען ביי די בעלי-הבתים אַ ביסל מזומנים און פּראַווען די חתונה.

מען האָט אָבער פאָרט געוואָלט אַ ביסל משמח זיין די אָרעמע חתן-כלה און אויף באַצאָלן קלעזמער האָט קיין געלט שוין נישט געסטייעט. האָט מען זיך מיישב געווען, אַז אַזוי ווי אין שטעטל זענען פאַראַן 2 בחורים, וואָס קענען אַ ביסל שפּילן אויף פידל, דאָס זענען געווען די ברידער יחזקאל און שמואל גאָלדמאַן, וועלן זיי זיין די שפּילער אויף דער חתונה. צו דער „קאַפּעליע" האָט מען דאָך אויך באַדאַרפט האָבן אַ „פּויקן-פּויקער". איז מען געפאַלן אויפן געדאַנק אַריינצונעמען עטלעכע בלעכענע בעקנס און פּויקן אויף זיי. מ'וועט אויך נעמען

עטלעכע יינגלעך, וואָס פייפן אויף פייפלעך און ס׳וועט זיין „אַ פאַלנע קאַפעליע".

אין טאָג פון דער חתונה האָבן די שנייען געלאָזט און אַלץ האָט געזונקען אין בלאָטע. אַלס אונטערפירער האָט קהל אויס־געקליבן דעם הויכן מאיר דוד און דעם קליינעם איטשעלע. ווי כ׳האָב שוין געשריבן זענען ביי אונדז די חופות געשטעלט גע־וואָרן ביים בית־המדרש און בלאָטע איז אין דעם טאָג געווען ביז איבערן גאַרטל, האָט מען לכתחילה געוואָלט שטעלן די חופה לעבן דער כלהס הויז, וואו אַרום האָבן געוואוינט גויים, און נישט פירן חתן־כלה, ווי דער שטייגער, דורך דער גאַנצער גאַס צום בית־המדרש.

איז געוואָרן אין שטעטל אַ געשריי, הלמאַי מען מאַכן אַן אויסנאַם און מען פאַרשעמט די אָרעמע חתן־כלה? דער סוף איז געווען, אַז מען האָט חתן־כלה יאָ געפירט צום בית־המדרש. דער חתן האָט אַרויפגעצויגן שטיוול מיט הויכע כאַליאַוועס און די כלה האָט אָנגעטאָן הויכע געשנירלטע שיך און אַזוי אַרום האָבן זיי געקענט טאָפּטשען אין דער בלאָטע.

ווי דער מנהג איז געווען אין פּאָקשיוואַניצע, האָט מען דעם חתן געפירט אויבנאָן צו דער חופה. עס האָבן אים אונטער־געפירט דער הויכער מאיר דוד און דער קליינער איטשעלע, מען האָט אויך געהאַלטן אין די הענט לאַמטערן און ליכט, די „קלעזמאָרים" האָבן געשפּילט. שוין נישט ווייט פון בית־המדרש איז דער חתן מיט די אונטערפירער אַריין אין אַ גרויסער בלאָ־טע. דער קליינער איטשעלע איז געפאַלן און מיטגעשלעפּט דעם חתן, ער ווידער האָט מיטגעשלעפּט דעם הויכן מאיר דוד. דער עולם האָט זיי פון דער בלאָטע אַרויסגעצויגן, אַריינגענומען אין בית־המדרש און אָרומגעוואַשן פון קויט.

נאָך דעם איז מען אַוועק ברענגען די כלה צו דער חופה. מיט דער זעלבער „מוזיק" האָט מען זי געפירט צום בית־המדרש. נאָך דער חופה בעת דער עולם האָט זיך משמח געווען אויף דער אָרעמער חתונה, האָבן אַלע געזאָגט: די שמחה איז

הײנט אַ טאָפּלטע— מען האָט חתונה געמאַכט 2 אָרעמע יתומים און צװײ ניסים זענען אין דעם טאָג געשען: אײנער, װען די כלה איז אין טאָג פון דער חתונה שיער נישט דערטרונקען געװאָרן אין מקוה, װען זי האָט זיך אױסגעגליטשט און אַרײנגעפאַלן אין מקוה און די טיקערין האָט זי געראַטעװעט. און דער צװײטער — אַז דער חתן האָט נישט צעבראָכן קײן פוס אין דער בלאָטע.

געװען פרײלעך אױף דער דאָזיקער חתונה. די פידלען האָבן געשפּילט ביז װײט נאָך האַלבער נאַכט און דאָס פּױקן אין די בלעכענע בעקנס, האָט זיך מיט אַן הײזעריקן װידערקול װײט געהערט אין דער שטילקײט פון דער נאַכט.

מיין ברודער פאַרמשכנט דעם „יידישן גאָט"

מיין עלטערער ברודער שכנא האָט חתונה געהאַט צו 17 יאָר, צו 21, זייענדיק שוין אַ טאַטע פון צוויי קינדער, האָט ער געדאַרפן שטיין צום „פּריזיוו", פאַרשטייט זיך, אַז מיין פאָטער האָט באַצאָלט ער זאָל נישט „גיין אין סאָלדאַטן" און מען האָט אים באַפרייט. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ווער גע־מסרט די גאַנצע קאָמיסיע. אַלע יונגעלייט, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן האָט מען צוריק גערופן. זיי האָבן באַקומען האַרבע תפיסה־אורטיילן, און שפּעטער נאָכן אָפּזיצן, דינען 5 יאָר פאָניען.

ס'איז דעריבער קיין צווייטע עצה פאַר מיין ברודער נישט געבליבן, ווי שוואַרצן די גרענעץ קיין גאַליציע. מיין פאָטער האָט אים געהייסן דורכשוואַרצן די גרענעץ קיין זשיקעוו און דאָרט בלייבן ביז ער וועט קומען קיין זשיקעוו צום רבין. ווען דער טאַטע איז געקומען און זיך מיישב געווען מיטן רבין, האָט ער געהייסן שכנאן בלייבן עטלעכע טעג אין שטעטל און שפּעטער פאָרן קיין אַמעריקע.

קיין געלט אויף הוצאות האָט מיין ברודער נישט געהאַט, אויך מיין פאָטער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו געבן אים, איז שכנא געפאַלן אויף אַזאַ געדאַנק. דער פאָטער מיינער פלעגט אויפקויפן תבואה ביי די פּויערים אין די אַרומיקע דערפער. דער אויפקויפער איז געווען שכנא, די פּויערים האָבן אים גוט געקאָנט און ביי די דאָזיקע פּויערים האָט שכנא פאַרטראַכט צו באָרגן געלט אויף הוצאות קיין אַמעריקע.

ביינאַכט האָט ער אויף אַ לאַדקע אַריבערגעשיפּלט די וויסל אויף דער צווייטער זייט און געקומען אין די באַקאַנטע דערפער, וואו ער פלעגט קויפן די תבואות. מיט זיך האָט ער מיטגע־נומען זיין איינציק פאַרמעגן — דעם טלית מיט דער זילבערנער עטרה. ער איז אַריין אין דער כאַטע פון רייכן פּויער לוקאַס. דערזעענדיק אים, האָט דער פּויער מיט פאַרוואונדערונג אויסגע־רופן: „שאַכנאַ, וואָס טוסטו ביינאַכט ביי אונדז?". זיין ענטפער איז געווען, אַז זייער וויכטיקס האָט אים געבראַכט צו אים.

זעענדיק דעם אומגעדולד פון פּויער, האָט אים שכנא גע־זאָגט, אַז שוין היינט ביינאַכט, מוז ער אים באָרגן 100 רובל.

— גוט, ענטפערט דער פּויער, אָבער וואָסער פאַרזיכערונג גיסטו מיר, אַז כ׳וועל צוריק באַקומען דאָס געלט?

— אַלס משכן באַקומסטו דעם יידישן גאָט! — און שכנא האָט פון זעקל אַרויסגענומען דעם טלית און אָנגעוויזן מיטן פינגער: — אָט איז דער „יידישער גאָט"! אַ גוי טאָר נישט האַלטן דעם יידישן גאָט! ווען דו וועסט קומען אין שטעטל אויפן יאַריד און לאָזן וויסן די יידן, אַז דו האָסט דעם יידישן גאָט, וועלן זיי דיר באַצאָלן אַזויפיל געלט, וויפל דו ווילסט נאָר!

נאָכן דורכשמועסן זיך מיט דער באַבע, האָט דער פּויער אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן שטרוי־־שעניק הונדערט רובל און געגעבן שכנאן, און ער האָט נאָך די זעלבע נאַכט דורכ־געשיפלט די וויסל קיין גאַליציע און פון דאָרט אַוועק קיין אַמעריקע.

אין יאַריד־טאָג האָט זיך דער פּויער צום ערשטן געיאָוועט צו מיין טאַטן, אַוועקגערופן דעם טאַטן אין אַ זייט און אים גע־זאָגט, אַז ער דאַרף מיט אים עפּעס וויכטיקס רעדן.

זיי זענען דורכן געוועלב אַריין אין שטוב און דער גוי ציט אַרויס אַ פּעקל און זאָגט מיט אַן ערנסט פּנים: „דאָ האָב איך דעם יידישן גאָט", דער טאַטע קוקט אָן דעם פּויער און טראַכט: זיכער איז ער פון זינען אַראָפּ! ער באַהערשט זיך

און זאָגט: „ווייז אָקאָרשט, ווי דער יידישער גאָט קוקט אויס? און ווער האָט דיר געגעבן דעם יידישן גאָט?!"

— וואָס הייסטו ווער? שאַכנא, דיין זון, האָט אים מיר פאַר־קויפט! — און ציט אַרויס פון זעקל דעם טלית. דער טאַטע האָט באַלד דערקענט שכנאס טלית מיט דער זילבערנער עטרה. דער פויער האָט אָנגעהויבן דערציילן דעם טאַטן, ווי אַזוי ער האָט ביינאַכט געקויפט ביי שכנאן דעם יידישן גאָט.

— וויפל האָסטו, לוקאַס, באַצאָלט פאַרן יידישן גאָט? — ער האָט נישט געענטפערט.

— וויפל ווילסטו פאַרן יידישן גאָט?

— 500 רובל דאַרף ער קאָסטן און נעמט צוריק, אייער גאָט.

— אַזויפיל געלט האָב איך ניט — ענטפערט דער טאַטע — גיי ליבערשט צו די רייכע יידן, זיי האָבן אַ סך געלט און וועלן אויף זיכער אויסלייזן דעם יידישן גאָט.

דער פויער האָט זיך נישט געפוילט און איז אַוועק צו זיינוול ר' יחיאלס, מען האָט גלייך געלאָזט וויסן וועגן דער גאַנצער מעשה.

ווען דער פויער איז אַריין צו זיינוולען האָט ער אים סודותפול איבערגעחזרט דעם גאַנצן פזמון מיטן „יידישן גאָט". פרעגט אים זיינוול מיט גרויס ערנסטקייט: „וויפל ווילסטו פאַרן יידישן גאָט?", „1000 רובל!", איז געקומען דער ענטפער. „דאָס זייער פיל געלט, איך האָב היינט נישט אַזויפיל. ווילסט 500 רובל?" אָבער לוקאַס האָט אפילו נישט געוואָלט הערן.

ער איז אַוועק צו זיינוולס ברודער מאיר דוד, וועמען מען האָט אויך פריער געלאָזט וויסן אין וואָס דאָ גייט. אויך דאָ האָט דער פויער דערציילט דאָס זעלבע. מאיר דוד פרעגט אים, וויפל ווילסטו פאַרן יידישן גאָט? דאָ האָט דער פויער נאָך מער איבערגעצויגן די סטרונע און פאַרלאַנגט 1,500 רובל. מאיר דוד האָט אים געענטפערט, אַז די דאָזיקע סומע איז אַ גרויסע, ער וועט צונויפרופן אַן אסיפה פון די רייכסטע יידן

אין שטעטל און זאָלן זיי טראַכטן ווי אַזוי אויסצוקויפן דעם יידישן גאָט. און אים — לוקאַסן, וועט מען לאָזן וויסן.

אַרויסגייענדיק פון מאיר דודן האָט דער פויער פון פרייד אַזש די הענט געריבן. ער האָט שוין געזען אין דמיון וויפל מאַרגעס ער וועט קאָנען קויפן פאַרן „יידישן גאָט". צום פורל, וואו זיין באַבע איז געזעסן איז ער נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. ער איז צוגעקומען און מיט פרייד אויסגערופן: אָט, זעסטו באַבאַ! שאַכנאַ פינקוואַס זון האָט מיך רייך געמאַכט! און אויב רייך — איז דאָך נישט שייך, דאַרף מען טאַקע מאַכן אַ געזונטע כוסה. ער האָט געקויפט וואָדקאַ און איז געקומען צום טאַטן, ער זאָל מיט אים טרינקען „נאַ זדראָוויע".

די געשיכטע האָט זיך אַזוי געצויגן חדשים-לאַנג. די שטעטל-דיקע יידן האָבן זיך געהאַלטן פאַר די זייטן פון געלעכטער. דער פויער האָט פאַרלוירן דאָס געדולד און אָנגעהויבן דראָען, אַז ער וועט גיין צום „ראַבין", און דערציילן, אַז ער האָט דעם יידישן גאָט און די יידן ווילן אים נישט אויסקויפן. ער איז טאַקע אַוועק צום מורה-הוראה און דערציילט די גאַנצע מעשה. דער מורה-הוראה ווייסנדיק פון דעם האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין געלט, ער איז נישט קיין סוחר און די שטאָט האַלט אים אויס.

אַז דער ענין האָט זיך פאַרצויגן אין דער לאַנגער באַנק אַריין, האָט דער פויער אָנגעהויבן איינזען, אַז די גאַנצע זאַך מיטן אויסקויפן דעם יידישן גאָט, איז נישט מער, ווי אַ שפיל מיט אים. ער איז סוף-כל-סוף געקומען צום טאַטן, צווישנצייט איז געקומען אַ בריוו פון שכנאַן, שוין פון אַמעריקע אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז ער האָט פאַרזעצט ביי לוקאַסן דעם טלית פאַר 100 רובל. דער טאַטע האָט אים צוריקגעגעבן די 100 רובל, און אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע מיטן אויסקויפן דעם יידישן גאָט.

טיפן, געשטאַלטן, עפּיזאָדן

משהל פלאַפּ און זיין יידישע קליאַטשע

אין שטעטל האָט געלעבט אַן אָרעמער האָרעפּאַשנער ייִד, שטיל ווי אַ טויב. מען האָט אים קיינמאָל נישט געהערט רעדן. גערופן האָט מען אים מיטן צונאָמען משהל פלאַפּ. ער האָט געצויגן זיין חיונה דערפון וואָס ער פלעגט ברענגען פּרייטיק זאַמד אויף שבת. דאָס רוב יידישע שטובן האָבן נישט געהאַט קיין פּאָדלאָגעס, נאָר ס׳האָט זיך אַרויסגעזען שוואַרצע ערד. לכבוד שבת פלעגט מען אויסשיטן דעם שוואַרצן ערדישן דיל מיטן גאָלדיקן זאַמד, ענהערנדיק דעם גרויען וואָכעדיקן אויסזען. משהל פלאַפּ איז אַרומגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און פאַרקויפט דעם געלן זאַמד.

געהאַט האָט ער אַ קליאַטשע הויט און ביין, קוים ווי זי האָט געשלעפּט דאָס צעבויקערטע און צעפּאַרענע פורל זאַמד. דאָס פערדל איז תמיד געווען הונגעריק, קיין בייטש האָט משהל פלאַפּ נישט באַנוצט, צום פערד האָט ער גערעדט פּראָסט מאַמע־לשון — אויף יידיש. „קום אַ ביסעלע גיכער", „מירן פאַרקויפן דאָס זאַמד, וועל איך דיר, פערדעלע, קויפן אַ ביסעלע היי".

דאָס זאַמד האָט ער געפירט פון הינטער דער שטאָט, נישט ווייט פונעם בית־הקברות. צוריק אין שטעטל האָט דער וועג געפירט באַרג־אַרויף, האָט משהל צוזאַמען מיט זיין פערדל געהאָלפן שלעפּן דאָס פורל. זיין בעסטער פריינד איז געווען די קליאַטשע. קיינמאָל האָט ער זיך נישט געזעצט אויפן וואָגן, נאָר געשפּאַנט צופוס. געטראָפן, אַז דאָס פערד איז חולה געוואָרן,

איז משהל פלאַפּ געקומען אין בית-המדרש, געזאָגט תהילים מיט גרויס כוונה, געבעטן דעם רבונו-של-עולם, אַז די קליאַטשע זאָל האָבן אַ רפואה-שלימה.

דאָס אומגליק מיט דבורה יאָסלס צינעמאַן

מחותנים זענען געפאָרן קיין צוויזמיר צו די תנאים פון יאָסל ר׳ יחיאלס אַן אייניקל, שכנא צינעמאַנס אַ זון. געפאָרן איז מען אין פּריצישע ברישקעס. די תנאים זענען פאָרגעקומען און אויפצומאָרגנס איז מען צוריקגעפאָרן קיין פּאָקשיוויניצע. צו די תנאים איז געפאָרן די גאַנצע משפחה צינעמאַן און אויף צוריקוועגס איז געשען אַן אומגליקן!

שוין האַרט ביים אַריינפאָר אין שטעטל האָט מען באַ־דאַרפט דורכפאָרן די זשעקע, איבערן טייך איז געווען אַ בריק. ווען די בריטשקע אויף וועלכער עס זענען געזעסן מאַן און ווייב, דבורה און יאָסל צינעמאַן און נאָך צוויי זייערע אייניק־לעך, איז אַרויף אויף דער בריק, זענען די פערד פּלוצים ווילד געוואָרן, צעבריקעט זיך און אָנגעהויבן מוראדיק שליידערן מיט דער בריטשקע, דער פאַראָבעק האָט זיי בשום אופן נישט געקאָנט צוימען! דבורהלע איז אַרויסגעפאַלן פון דער בריטשקע, אַראָפּגעשליידערט געוואָרן אין וואַסער און איז דערהרגעט גע־וואָרן!

דער דאָזיקער פאַל האָט אין שטעטל אַרויסגערופן אַן אויסערגעוויינלעכן טרויער. אַ לאַנגע צייט האָט מען געלעבט אונטערן רושם פון דער דאָזיקער טראַגעדיע.

„פילאָזאָפן"

געווען אין פּאָקשיוויניצע אַזעלכע יונגלייט, וועלכע מען האָט גערופן „פילאָזאָפן", זיי פלעגן זיך צונויפקומען אין מאַרק און דורך „שפּאַקטיוון" קוקן אויף יענער זייט, וואו ס׳איז געווען גאַליציע. די דאָזיקע „פילאָזאָפן" האָבן געהייסן: יהודה לייב, בראָליש ראָזענפעלד און ברוך יאָסל צינעמאַן. זיי האָבן

זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט די „שפּאַקטיוון" און כסדר געקוקט אין הימל אַריין... אַז זיי האָבן געזען אַ רעגנבויגן, האָבן זיי דערין געזען אַ סימן פון... מלחמה, און ווען אַ סטאַיע שוואַרצע וואָראָנעס האָבן זיך פּלוצים געיאָוועט אין מאַרק האָבן זיי אָנגעזאָגט, אַז דער יאַריד־טאָג וועט זיין אַ שלעכטער, ווען טויבן האָבן זיך באַוויזן, האָט דאָס באַדאַרפט זיין אַ סימן, אַז דער יאַריד וועט זיין אַ גוטער.

צווישן די „פילאָזאָפן" איז אויך געווען אַ פּאָליאַק, וואָס האָט געהייסן פּאָדגורסקי, ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן „געלערנטן" און איינגערעדט זיך, אַז ער איז אַ שטיקל דאָקטאָר, נאָך איין „פילאָזאָף" אַ פּאָליאַק איז געווען דער אַפּטייקער ווע־מען מען האָט גערופן „דער הויקער".

עקיבא באַנקע שטעלער

אין שטעטל איז געווען אַ יידישער פעלדשער מיטן נאָמען יויזעף. דער צווייטער, וואָס האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל פעלדשער ווייל ער האָט געקענט שטעלן באַנקעס, איז גע־ווען עקיבא קלעק. ער פלעגט אויך שערן די האָר פון מענער און יינגלעך. זיין ווייב שרהלע האָט געגאָליעט פּרייטיק די קעפּ פון די פרומע ווייבער. די גאָר פרומע ווייבער האָבן געטראָגן קופּקעס, אַנדערע שייטלען.

האָט געטראָפן, אַז קריינדל זיינוולס טאָכטער איז קראַנק געוואָרן, ווען זי האָט געזויגן אַ קינד, האָט מען גערופן דעם פעלדשער יויזעף און ער האָט דערקלערט: מען דאַרף איר שטעלן באַנקעס אַרום די בריסטן. האָט מען טאַקע תיכף גע־שיקט נאָך עקיבא קלעק. ווי באַקאַנט, האָלט מען בעתן שטעלן באַנקעס אין איין האַנט אַ שטיקל העלצל וואָס איז אַרומגעבונדן מיט וואַטע, מען טונקט דאָס העלצל אין ברען־שפּירטעס און שפּעטער צינדט מען אָן די וואַטע ביי אַן אָנגעצונדן ליכטל.

ווען עקיבא האָט געשטעלט קריינדלען באַנקעס אונטער די בריסטן, האָבן די באַנקעס זיי איינגעשרומפּן און ס'האָט

אַנגעהויבן פון זיי שפּריצן מיט מילך עקיבהן גלייך אין די אויגן אַריין, ער איז פּשוט פֿאַרבלענדט געוואָרן, און אַנשטאַט אויסצואווישן מיטן ברענענדיקן העלצל די באַנקעס זיי זאָלן זיך אָנוואַרעמען, האָט ער דעמאָלט אונטערגעצונדן זיין באָרד און האָט אָפּגעברענט אַ האַלבע זייט פון זיין לאַנגער באָרד. ער איז געווען פֿאַרצווייפֿלט און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיין אָפּגעזענקטער באָרד.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט אָנגעהויבן רעדן וואָס מיט עקיבאן האָט פּאַסירט, און נישט אַנדערש, ווי גאָט האָט אים געשטראָפט דערפֿאַר וואָס ער האָט געטאַפּט די בריסטן פון דער שיינער קריינדל. אַזוי ווי עקיבא האָט נישט געקענט אַרומגיין מיט איין העלפט אָפּגעברענטער באָרד, האָט מען באַשלאָסן צו גיין צום מורה-הוראה, זאָל ער פּסקנען, וואָס ער דאַרף טאָן! און דער רב האָט געפּסקנט: ער זאָל זיך טובלען זיבן מאָל אין מקווה און פֿאַסטן תעניתים מאָנטיק און דאָנערשטיק, ווי אויך מאַכן אַ קנופּ אין דער צווייטער העלפט באָרד, ביז די אַנדערע העלפט וועט אונטערוואַקסן.

וואו נעמט מען פרנסה פאַר די רבנישע אייניקלעך?

דאָס לעבן אין שטעטל, וואָס איז באַשטאַנען פון 175 יידישע משפחות און 275 קריסטלעכע פאַמיליעס, איז געפלאָסן אידיליש און שלווהדיק. אָרעם און רייך האָבן געלעבט בשלום. געווען גוט־האַרציקע מענטשן, וואָס האָבן געזאָרגט פאַר די נויט־באַדערפטיקע. געווען ביי אונדז רבנישע אייניקלעך, וואָס האָבן באַדאַרפט ציען חיונה, ווען זיי האָבן חתונה געהאַט און אָנגעהויבן קינדלען. קיין סוחרים אָדער בעלי־מלאָכות זענען זיי דאָך נישט געווען. האָט זיך געשטעלט די האַרבע שאלה, וואו נעמט מען פרנסה פאַר זיי? האָבן די בעלי־הבתים באַשלאָסן אַרויפצולייגן אַ שטייער אויף זאַלץ, נאַפט, צוקער, ליכט, חלות וכדומה. און דאָס געלט זאָל גיין אויף פרנסה פאַר די רביישע אייניקלעך.

דערווייל האָט נאָך איינער פון רבינס אייניקלעך חתונה געהאַט און מען האָט אים געדאַרפן פאַרזאָרגן מיט פרנסה. האָט מען, ווי דער שטייגער אין אַזאַ פאַל, גערופן אַן אַסיפה. היות דער שטייער פון די דערמאָנטע פראָדוקטן איז שוין נישט גענוג געווען, כדי אויך אים מפרנס צו זיין, האָט דער עולם אַרומגערעדט, ווי אויסצוגעפינען אַ נייעם קוואַל פון חיונה פאַרן רבינס אייניקל. דער גבאי, דער שוואַרצער יחיאל, איז אַרויסגעקומען מיט אַ שפּאָגל־נייעם פּלאַן!

אַזוי ווי די מקווה געפינט זיך הינטערן שטאַל, וואו עס וואוינען די גויים און ווען די ווייבער גייען אַרויס פון מקווה

האָבן זיי צרות פון די שקצים, וועלכע רירן זיי בכיוון אָן זיי זאָלן טמא ווערן און די ווייבער מוזן נאָך אַ מאָל טובלען זיך, בכן לייגט ער פאָר, אַז מען זאָל לעבן דער מקווה אויפשטעלן אַ בודקע, אויסשניידן אין איר אַ לאָך, אין דער בודקע וועט זיך געפינען דעם רבינס אייניקל און ווען די ווייבער גייען אַרויס פון מקווה, זאָלן זיי אים אָנרירן די האַנט, און אָנרירנדיק די האַנט פון יידישן זכר, פאַרשווינדט די סכנה פון טמא ווערן און פון נאָך אַ מאָל דאַרפן זיך טובלען.

אַזוי איז טאַקע געווען, קהל האָט ביי דער מקווה אויפ־געשטעלט אַ בודקע. ביים אויסגעהוילטן לאָך פון דער בודע, וואו דעם רבינס אייניקל האָט געהאַלטן גרייט די האַנט, איז גע־שטאַנען אַ פושקע, וואוהין די ווייבער האָבן נאָכן באַרירן די האַנט „פון אייניקל" אַריינגעוואָרפן עטלעכע קאָפּיקעס. אָט פון די דאָזיקע קופּערנע מטבעות האָט ער זיך מפרנס געווען. און דאָס שטעטל איז צופרידן געווען, וואָס מען האָט אויך דאָס מאָל פאַרזאָרגט מיט פּרנסה דעם רבינס אָן אייניקל.

„יאָסל פּאַנדריק‟ איז געבוירן געוואָרן...

אין פּאָקשיוויניצע איז געווען אַן אָרעמע אַלמנה, וואָס האָט גע-
האָט דריי טעכטער, איינע איז געווען פאַרהייראַט, די אי-
בעריקע צוויי מיידלעך זענען געווען דינסטן אין די רייכערע הייזער. איינע פון זיי האָט פאַרשוואַנגערט און געבוירן אַ יינגעלע. דאָס שטעטל איז געגאַנגען „אויף רעדלעך‟. מען קען זיך פאָרשטעלן וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן. ס'טייטש, אַ מיידל האָט געהאַט אַ ממזר? יעדער איינער האָט זיך געגריבלט און געוואָלט אויסגעפינען ווער ס'האָט דאָס מיידל פאַרפירט?

אויף אַלע באַמיאונגען אויסצוגעפינען ביים מיידל פון וועמען זי האָט געהאַט דאָס קינד, איז געקומען איין ענטפער: „איך ווייס נישט!‟ זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מגע ומשא מיט מענער. האָט זיך טאַקע אין שטעטל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ס'איז געבוירן געוואָרן נאָך איין „יאָסל פּאַנדריק‟.

סוף-כל-סוף איז געמאַכט געוואָרן אַ ברית. אויך די קריסטן האָבן וועגן דער דאָזיקער פּאַסירונג גערעדט. דאָס קינד האָט געלעבט פיר וואָכן און איז געשטאָרבן. די גויים האָבן שפּעטער פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז נישט אַנדערש, ווי די יידן האָבן דערמאָרדעט דאָס קינד. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נאַטשאַלסטווע האָט באַפוילן עקסהומירן דאָס קינד, כדי פעסט-צושטעלן צי עס איז טאַקע דערמאָרדעט געוואָרן, אָדער גע-שטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. די מעדיצינישע אונטערזוכונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אַ שטיק צייט האָט זיך נאָך געקאָכט מיט דער דאָזיקער פּאַסירונג און דער עולם האָט זיך איינגעשטילט.

ר׳ חיים מאיר און נאָטע יאָסלס

טיף איז זכרון זענען ביי מיר פאַרקריצט די ווינטער-נעכט אין בית-המדרש. ווי איצט זע איך די בליץ-לאָמפּן ברענען און די בחורים איבערגעבויגענע איבער די גמרות לערנען מיט דביקות, אויסזינגענדיק די פּלפּולים פון די תנאים.

אויך עלטערע יידן לומדים זענען געזעסן איבער די גמרות, געפירט שאַרפע וויכוחים און געחקרנט זיך איבער דעם באַטייט פון די פאַרפּלאָנטערטע פּלפּולים. לשם עולם-הבא, פלעגן מאַרק-זיצערקעס ברענגען אין בית-המדרש פאַר די יידן לומדים גע-פּרוירענע עפּעלעך, זיי זאָלן זיך דערקוויקן דאָס האַרץ.

געווען צווישן זיי איינער אַ ייד אַ למדן, ר׳ חיים מאיר, ער איז זיך נוהג געווען צו זיין פאַרטאָן אין לערנען ביז שפּעט ביינאַכט. ווען דער עולם איז געקומען אין בית-המדרש פּראַווען חצות און קלאָגן אויפן גרויסן יידישן חורבן, נאָך דעם, ווי דער שמש האָט זיי אויפגעוועקט קלאַפּנדיק אין די לאָדנס מיטן הילצערנעם האַמער, אויסרופנדיק אין פּוסטן שטעטל „יידן שטייט אויף צו חצות!“, האָבן זיי דאָרט שטענדיק געטראָפן אַ פאַרטיפטן אין לערנען ר׳ חיים מאירן.

נאָך אַ ייד איז געווען באַקאַנט אין שטעטל, זיין נאָמען איז געווען נאָטע יאָסלס, ער האָט געדאַוונט אַ גאַנצן טאָג. זיין דאַווענען איז געווען מיט גרויס כוונה, ברען און התלהבות, ווען ער האָט געדאַוונט האָט מען זיינע קולות געקענט הערן אין גאַנצן שטעטל.

***

געווען ביי אונדז אויפגעקומענע נגידים, ווי אַבעלע פון שניט-געוועלב, נחמיה גאָטליב, דוד שרייבמאַן, מרדכילע גלוז־מאַן, פישעלע פון בלאָניע און שלמה קאָניאַזש. זיי האָבן זייערע עשירות נישט באַקומען בירושה, נישט געשטאַמט פון רייכן יחוס. די מסחרים זענען ביי זיי גוט אַוועק און זיי זענען רייך געוואָרן.

***

מיין מוטער פערל ע"ה, איז געווען אַ גרויסער מבין ביים אַריינשטעלן אויסגעלענקטע גלידער, מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט געשיקטע הענט און מאַכט דאָס בעסער פונעם דאָקטער. איז ביי וועמען געשען אַ פאַל פון אויסלענקען אַ האַנט, אָדער אַ פוס האָט מען תיכּף געלאָזט רופן פערלען און זי האָט לשם-מצווה, אָן אַ גראָשן באַצאָלט, צוריק אַריינגעשטעלט די אויסגעלענקטע גלי־דער אויפן ריכטיקן אָרט.

געווען אויך אין שטעטל איינער מיטן נאָמען יידל דנ'ס, ער איז געווען אַ מפונק פון פענדזלען געשוואָלענע העלדזער. אויך ער איז געווען אַן אָפּטער אַריינגייער אין יידישע שטובן. פאַר זיין טירחה האָט ער קיין געלט נישט גענומען.

***

אין פּאָקשיווניצע איז צו יענער צייט נישט באַקאַנט גע־ווען קיין פאַמיליע-נעמען. ווען אַ פרעמדער איז אָנגעקומען אין שטעטל און געוואָלט וועמען אויסגעפינען אָנרופנדיק אים ביים פאַמיליע-נאָמען, האָט ער אים געקאָנט בלויז אויסגעפינען אין גמינע, קיינער פון שטעטלדיקע יידן האָט נישט געוואוסט וועמען מען מיינט, ווייל יעדער איינער, סיי מענער, סיי פרויען און קינדער האָבן געהאַט צונעמען. מען האָט, למשל, אידענטיפיצירט אויף אַזאַ אופן: דער „בלינדער משה", דער „טויבער יואל", „ריק־טשע מאיר דודס", „חנה פנחסלס", „משהל אָפּטער", „דער הוי־כער נחמן", דער „קליינער יאַנקעלע", דער „שוואַרצער יחיאל".

אזוי האָט יעדער איינער אָנשטאָט זיין פאַמיליע-נאָמען געהאַט אַ צונאָמען.

*****

געוועזן אין פּאַקשיוואָניצע אַן אַקושערין, אַ יידענע אַ זקנה 80 יאָר אַלט, מען האָט איר גערופן „סימעלע די הייבין". געהאַט האָט זי אַן איינגעשרומפּן פּנימל, הויקערדיק, איינגעבויגן און קוים געזען. האָט איין מאָל געטראָפן, אַז אַברהם לערערס ווייב, ליבע, וואָס איז שוין געווען „אויף דער צייט", האָט באַקומען ווייען. געווען איז שפּעט ביינאַכט און די ווייען זענען געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, איז אברהם לערער וואָס שנעלער אַוועק רופן סימעלען.

זי איז געקומען און אַריין וואַשן די הענט, דאָס פעסל מיט וואַסער איז געשטאַנען אין חדר וואו עס האָבן געשלאָפן זיינע 2 שוין נישקשהדיקע בחורים. נאָכן אָפּוואַשן די הענט, איז סימעלע צוגעגאַנגען צום בעט, וואו די בחורימלעך זיינען געשלאָפן, אויפגעהויבן דאָס איבערבעט, געמאַכט אַ ברכה און געזאָגט: „זאָל זיין מיט מזל". אַברהם לערער איז דאַן צוגעלאָפן און זי אַוועקגענומען: „סימעלע, זייט מוחל — האָט ער איר אין אויער אַריינגעשריען — די קימפּעטאָרין ליגט דאָך אין צווייטן חדר, דאָ שלאָפן די... בחורים".

מען הייבט אָן עמיגרירן

אין 1900 הייבט זיך אָן די עמיגראַציע פון פּאָקשיווניצע קיין אַמעריקע. יידישע בחורים פאַרלאָזן דאָס היים-שטעטל און לאָזן זיך מעבר-לים. פאַר די עלטערע מענטשן איז אַמעריקע געווען טריף! די פרומע עלטערן זענען געווען קעגן, אַז זייערע קינדער זאָלן פאָרן אין דעם דאָזיקן טריפהנעם לאַנד. די יוגנט אָבער האָט פאַר זיך נישט געזען קיין צוקונפט און תכלית אין פוילן. אין דערפער האָבן קיין יידן נישט געטאָרט וואוינען, קרעמער איז געווען איבערגענוג. מאָנאָפּאָל-געוועלבער, וואו מען האָט פאַרקויפט בראָנפן, טאַבאַק זענען געווען אין קריסטלעכע הענט, יידן האָבן זעלטן באַקומען קאָנצעסיעס. קיין פאַבריקן זענען נישט געווען. ס׳איז פּשוט נישט געווען ווי צו פאַרווענדן די שפּרודלדיקע, יוגנטלעכע ענערגיע.

פון די ערשטע, וואָס האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל זענען געווען: מיין ברודער שכנא קאָזינסקי, בערעק אַפּעלבאום, יחזקאל פּערלמאַן, שמואל דענעמאַרק, שמואל גאָלדמאַן, ישראליש ראָזענבוים און נאָך אַ סך אַנדערע יונגע מענער, וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע פרויען אין פּאָקשיווניצע.

איך בין געקומען קיין אַמעריקע אין 1906, ווען איך האָב באַטראָטן די אַמעריקאַנער ערד האָב איך שוין געטראָפן אַ היפּשע צאָל לאַנדסלייט. מיט יעדעס יאָר האָט זיך די גרופּע פאַרגרעסערט. אַלע פּאָקשיווניצער האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. שבת צו שלוש סעודות פלעגן זיך צונויפקומען אַלע לאַנדסלייט פון ברוקלין און בראָנקס. בעת די דאָזיקע צוזאַמענקומען האָט מען זיך מיט בענקשאַפט דערמאָנט אין היימישן שטעטל, אָפּגענומען גרוסן און דערוואוסט זיך ווער עס פאַרלאָזט אַמעריקע און פאָרט צוריק.

אין קעלער ביי הערשל שוסטער

אויף ריווינגטאָן סטריט אין ניו־יאָרק האָט געוואוינט אונדזער לאַנדסמאַן הערשל שוסטער, אין אַ קעלער האָט ער גע־האַט זיין וואַרשטאַט. אָט דער קעלער איז געוואָרן דער מקום־מקלט פאַר אַלע פּאָקשיוויניצער. איבערהויפּט זענען דאָרט געקומען איינזאַמע, וועמענס פרויען עס זענען נאָך געבליבן אין שטעטל. דאָרט האָט מען זיך געטראָפן יעדן אויפדערנאַכט נאָך דער אַר־בעט, אָפּרעדן זיך פונעם שווערן האַרץ, טרייסטן איינער דעם צווייטן און טיילן זיך וועגן זייער לעבן און אַרבעט. דער עיקר איז דער דאָזיקער קעלער געווען דאָס אָרט, וואו מען האָט שטענדיק געקאָנט אָפּנעמען אַ גרוס וואָס עס הערט זיך „דאָרט" — אין שטעטל...

ביסלעכווייז האָבן די מענער אָנגעהויבן אַראָפּנעמען זייערע פרויען און קינדער. דער גרעסטער טייל באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק און נאָך עטלעכע יאָר בענקשאַפט און צעטיילונג האָבן זיך די פאַמיליעס ווידער פאַראייניקט.

איינע פון די ערשטע אַרבעטן פון די פּאָקשיוויניצער לאַנדס־לייט איז געווען אָפּצוקויפן אַ שטיק ערד אויף אַן אייגן בית־הקברות. מען האָט אויך אין אַמעריקע געשריבן אַ ספר, און אַלע שבת פאַרנאַכט געפּראַוועט שלוש־סעודות, זינגענדיק היימישע חסידישע ניגונים.

עס דערגייט די ידיעה וועגן דער גרויסער מחלוקה

אין 1909 איז צו אונדז, די פּאָקשיוויניצער אין אַמעריקע, דער־גאַנגען די ידיעה וועגן דער גרויסער מחלוקה אין שטעטל. קינדער זענען געוואָרן שונאים פון עלטערן און עלטערן פון קינדער, נישט געוואָלט עסן ביי איין טיש, ווייל זיי זענען געווען אָנהענגער פון צווייטן צד. איין צד איז געווען דער מורה־הוראה און דער צווייטער — ר׳ נפתליש מיט זיינע אָנהענגער.

אין וואָס איז דאָ געגאַנגען?

געווען אַ חסידישער רבי ר׳ מאירל פון זשיקעוו, גאַליציע, ער האָט געהאַט פיר זין. איינעם האָט מען גערופן ר׳ יהושיעלע, דעם צווייטן — ר׳ יחיאל, דעם דריטן — אַהרעלע דער בייטשער רבי, און דעם פערטן — ר׳ אָשרל רימענעווער רבי. ווען די זין זענען אויסגעוואַקסן האָט מען זיי געדאַרפט פאַרזאָרגן מיט כסא־רבנות, און דער עיקר — אין וואָסערע שטעט?

ר׳ מאירל האָט געהאַט חסידים אין אַלע אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, האָט ער אָנגעהויבן פאַרזאָרגן זיינע זין מיט רבנות אין 4 שטעט. פאַר דעם עלטערן זון ר׳ יהושיעלע האָט ער באַ־שטימט אַלס זיין ממלא מקומו אין זשיקעוו, דער צווייטער, ר׳ יחיאל, האָט באַדאַרפט ווערן פּאָקשיוויניצער רב. דער דריטער זון, ר׳ אַהרעלע, האָט געדאַרפט פאַרנעמען די כסא־רבנות אין בייטש, און דער יינגסטער זון, ר׳ אָשרל, האָט געדאַרפט ווערן רב אין רימענעוו.

באַלד נאָך דער חתונה פון צווייטן זון ר׳ יחיאל, האָט אים

זיין פאָטער, דער רבי פון זשיקעוו ר׳ מאירל, געשיקט קיין פּאָקשיוווניצע צו זיינע חסידים, ער זאָל דאָרט איבערנעמען די כסא-רבנות. און אַזוי איז געשען, ר׳ יחיאל איז געוואָרן רב, און אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך האָט מען אים גערופן פּאָקשיוווניצער רב.

אין פּאָקשיוווניצע איז ער געווען צען יאָר רב. עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער. איין זון האָט געהייסן נפתליש, דער צווייטער אלתרל, ער האָט אויך געהאַט 2 טעכטער. פּלוצים איז אַרויס אַ גזר פון דער צאַרישער מאַכט, אַז די אַלע געבוירענע אין גאַליציע מוזן פאַרלאָזן פּוילן! בלית-ברירה, האָט דער פּאָקשיוווניצער רב געמוזט פאַרלאָזן דאָס שטעטל און איבערקלייבן זיך צוריק קיין גאַליציע און ער האָט זיך באַזעצט אין טורנע. טראָץ דעם האָט ער זיך נאָך אַלץ גערופן „פּאָקשיוווניצער רב״.

דערווייל זענען יאָרן געגאַנגען, די קינדער זענען אויסגעוואַקסן און ר׳ יחיאלן האָט אָנגעהויבן עקבערן אַ געדאַנק: וואָס טוט מען מיט די זין? וואו נעמט מען פאַר זיי פּרנסה? און וואו געפינט מען פאַר זיי כסא-רבנות?

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ חזקה אין פּאָקשיוווניצע. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז נפתליש מוז ווערן רב אין פּאָקשיוווניצע, ווייל היות ער איז דאָרט געבוירן געוואָרן, קען אים נישט די צאַרישע מאַכט אַרויסשיקן אַלס פרעמדן! געדעדט און געטאָן! נפתליש האָט זיך באַזעצט אין שטעטל און די טורנער חסידים האָבן אים אויפגענומען אַלס רב, און דאָ הייבט זיך אָן די מחלוקה.

אַלע איבעריקע חסידים, ווי די גערער, קוזמירער און אַפילו זשיקעווער, האָבן בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין נפתליש זאָל זיין פּאָקשיוווניצער רב. די דאָזיקע חסידים האָבן געהאַלטן, אַז ר׳ נפתליש איז נישט ראוי צו פאַרנעמען די כסא-רבנות, און זיי האָבן אויפגענומען אַלס רב פון שטאָט דעם מורה-הוראה.

די מחלוקה צווישן די צדדים האָט זיך אַלץ מער פאַרשאַרפט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַרום שאלות פון כשר און טריפה. אַז ר׳ נפתליש האָט געפסקנט כשר, האָט דער מורה־הוראה געפסקנט — טריפה! נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז די קצבים זענען געבליבן ליגן מיטן ביסל פלייש. מען האָט אַראָפּגעבראַכט נייע שוחטים און קצבים. ייִדן האָבן נישט געוואוסט, וואָס איז כשר און וואָס איז טריפה, מען האָט אָנגעהויבן פאָרן אין אַנדערע שטעטלעך פרעגן שאלות. די רבנים האָבן זיך נישט געוואָלט אַריינמישן אין דער מחלוקה, דערקלערנדיק, אַז זיי וועלן נישט פסקנען, ווייל פּאָקשיוויניצע האָט קיין עין־הרע — צוויי רבנים!

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, וואָס משפחות — אָנהענגער פון די צוויי צדדים זענען זיך געוואָרן דם־שונאים, מען איז נישט געקומען איינער צום צווייטן, נישט געוואָלט משדך זיין, אפילו קינדער האָבן נישט געוואָלט עסן ביי עלטערן און עלטערן ביי קינדער. ס׳איז דערגאַנגען צו געשלעגן, איין צד אויפן צווייטן האָט געמסרט ביים מלכות. ייִדן, וואָס האָבן נישט געהערט צו קיין שום צד פלעגן קויפן פלייש אין אַנדערע שטעטלעך.

איך פאָר צוריק אַהיים

אין 1911 ביז איך צוריקגעפאָרן אין שטעטל אויף פסח, זען זיך מיט מיין פאָטער, וועלכער איז זייער קראַנק געווען. נאָך 3 וואָכן בין איך אָנגעקומען אין פּאָקשיוויניצע. דעם פאָטער האָב איך שוין צווישן די לעבעדיקע נישט געטראָפן. דעם ערשטן טאָג ווען איך האָב זיך באַוויזן אין בית-המדרש, זענען צו מיר צוגעקומען מיינע מלמדים און געפרעגט מיך צו וועלכן צד איך וויל געהערן... איינער פון זיי אברהמלע פישלם האָט זיך אָנגערופן: „שמואל, דו טאָרסט נישט עסן ביי דיין מאַמען, ס'איז ביי איר טריפה", „קאָנסט עסן ביי דיין ברודער שבתי, ביים אים איז כשר".

דערהערנדיק דאָס האָט זיך אָנגערופן דער צווייטער מלמד, „הער נישט דעם גוי, דיין מאַמע איז אַ צדקת, זי פירט זיך כשר וישר".

מיין ענטפער אַברהמלע פישלם איז געווען „אויב פאַר מיין טאַטן ע"ה און מיין מאַמען איז כשר, איז פאַר מיר אַוודאי און אַוודאי כשר". אַזוי איז קלאָר געוואָרן, אַז איך גיי אַריבער אויפן צד פון מורה-הוראה. אויפן טאַטנס צד איז געווען פּייוול אונגער, אַברהמעלע ציטרין. דאַקעגן מיין ברודער שבתי איז געווען אויף ר' נפתלישעס צד.

אין שטעטל בין איך פאַרבליבן ביז איבער די ימים-נוראים, ווייל כ'האָב זיך געמוזט צושטעלן צום „פריזיוו", ווען נישט וואָלט די מאַמע געמוזט באַצאָלן 300 רובל, אָדער מען וואָלט ביי איר צוגענומען דאָס הויז. דורך „אַ מאַכער" איז אונטערגעקויפט

געוואָרן די גאַנצע „פּריסוסטווע", און איך בין באַפרייט גע־וואָרן פון גיין דינען פּאַניען.

ווי געזאָגט, בין איך געקומען אויף פּסח, אין סאַמע ברען פונעם שידוכים-סעזאָן, ווען חול-המועד ווערן דורכגעפירט אַלע זיווגים. מען האָט מיר אָנגעהויבן שדכנען שידוכים, מיין שדכן איז געווען נישט אַבי ווער — דער מורה-הוראה אַליין! די כלה איז געווען זייער אַ שיינע, אויך די מחותנים האָבן זיך געפעלן, און ס'איז מיט מזל געוואָרן אַ שידוך.

די מחלוקה האָט זיך ווייטער געצויגן. אַפילו די גויים האָבן זיך איינגעטיילט אין צוויי צדדים. אויך די וואַסער-טרעגער זענען געווען צוויי לאַגערן. נתן דוד וואַסער-טרעגער איז געווען פון מורה-הוראהס צד און נישט געוואָלט טראָגן קיין וואַסער צום קעגנערישן צד, דאַקעגן שאַיע וואַסער-טרעגער איז געווען אויף ר' נפתלישעס זייט און נישט געטראָגן קיין וואַסער פאַרן מורה-הוראהס מענטשן. אויך די בעקער זענען געווען צעטיילט אין פיינטלעכע צדדים. זיסעלע בעקער, יוסף פּנחסעס פון דער „פשעדמיעשטשע" און זונדל בעקער פון דער בית-המדרש גאַס, זענען אַלע געווען אויף נפתלישעס זייט, פּנחס בעקער פון מאַרק, מיין פאָטער, מאירל בעקער פון מאַרק און נחמן בעקער זענען געווען אויפן צד פון מורה-הוראה.

פּרייטיק, ווען מען האָט „געשטעלט" די טשאָלענטער, האָט מען פאַררוקט די דיניצעס אין באַזונדערע אויוונס ביי די „איינענע" בעקערס, מען זאָל זיך חס-ושלום נישט אויסמישן און דער טשאָלנט זאָל ווערן „טריף". ס'איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אַפילו די צוויי משוגעים פון שטעטל, מטיתל און נתן, האָבן אויך געהאַט זייער צד. זיי פלעגן זיך שלאָגן, אַמפּערן אין מאַרק, שרייען מיט באַנומענע קולות: „דו שגץ, דו פרעסט טרפות!".

מען האָט געוואָלט דערפירן צו אַ שלום-בית, עס זענען אַראָפּגעקומען רבנים פון אַנדערע שטעט און מיט אַלע כוחות

געוואָלט אַ סוף מאַכן צו דער וויסטער מחלוקה, אָבער אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט!

שבת נאָך שבועות, האָב איך מיט מזל חתונה געהאַט מיט מיין פרוי ראָכמע גאָלדמאַן. צו אונדזער חתונה זענען געקומען געסט פון ביידע צדדים. זיי האָבן זיך נישט אויסגעמישט און געזעסן ביי באַזונדערע טישן. מיין ברודער שבתי, וואָס איז געווען אויף ר׳ נפתלישעם צד, האָט אַ חוץ אַ שטיקל לעקעך נישט געוואָלט מער טועם זיין. ער האָט נישט געוואָלט עסן קיין „טרפות״.

אין 1912, אין יאַנואַר פאָר איך צוריק קיין אַמעריקע, צוזאַמען מיט מיין פרוי און קינד. די מחלוקה אין שטעטל האָט נאָך אַלץ געברענט, אַזוי האָט זיך געצויגן ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה און זי האָט געמאַכט דעם סוף צו דער מחלוקה.

דאָס שטעטל געפינענדיק זיך אויפן סאַמע גרענעץ מיט עסטרייך — גאַליציע, איז מוראדיק באַשאָסן געוואָרן. אַ סך יידן זענען מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי, אַנדערע זענען אַנטלאָפן טיפער אין לאַנד. די בלוטיקע מלחמה האָט אויסגעגליכט די צדדים און די יאָרן-לאַנגע מחלוקה האָט זיך איינגעשטילט.

אין די מלחמה-יאָרן איז דער מורה-הוראה אַוועק צו זיין פאָטער דעם חסידישן רבין, שפּעטער נאָך זיין פּטירה, איז ער אַליין געוואָרן רבי, און נפתליש איז געבליבן רב אין פאָקשיווניצע.

הילפס־טעטיקייט פון די לאַנדסלייט

די שלאַכטן אויף די פראָנטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די מלחמה האָט אויפגעהערט אין 1918. די יידן וואָס זענען אַנטלאָפן פון פּאָקשיווניצע האָבן זיך אָנגעהויבן צוריקקערן אין האַלב־חרובן שטעטל.

צו די פּאָקשיווניצער לאַנדסלייט אין ניו־יאָרק האָט אָנגעהויבן אָנקומען בריוו אין וועלכע די נויטליידנדע יידן האָבן געבעטן הילף. מיר, די לאַנדסלייט, אין אַמעריקע, האָבן זיך תיכף פאַראינטערעסירט מיטן ביטערן גורל פון אונדזערע שוועסטער און ברידער. ס׳איז גערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע פּאָקשיווניצער, וועלכע האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן און אַרויסגעוויזן גרייטקייט אַלץ צו טאָן.

אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז געשאַפן געוואָרן אַ באַדייטנדיקע סומע געלט. ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן ווייטער צו פירן די זאַמל־אַקציע, כדי צו דערמעגלעכן אויפצובויען דאָס יידישע לעבן אין שטעטל, ס׳איז פאַר דעם צוועק געשאַפן געוואָרן אַ הילפס־קאָמיטעט. דער קאָמיטעט פלעגט רעגולער שיקן הילף. ווען דאָס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן נאָרמאַליזירן, האָבן מיר, די לאַנדסלייט אין אַמעריקע, באַשלאָסן צו שאַפן אין שטעטל אַ תלמוד־תורה און אַ גמילת־חסדים, וואָס וועלן דורך אונדז אויסגעהאַלטן ווערן. אַלע לאַנדסלייט אַפילו די, וואָס האָבן זיך אַליין געראַנגלט מיט שוועריקייטן, האָבן אויסגעשטרעקט זייער ברידערלעכע האַנט און געטראָגן הילף פאַר זייערע פּאָקשיווניצער ברידער. בכלל האָט זיך אין גאַנץ אַמעריקע אָנגעהויבן נאָך דער

ערשטער וועלט־מלחמה אַ ריזיקע הילפס־קאַמפּאַניע פֿאַר די געליטענע יידן אין אייראָפּע, די אַמעריקאַנער יידן האָבן מיט אַ ברייטער האַנט בייגעטראָגן זייער הילף פֿאַר זייערע ברידער מעבר־לים.

מיר זענען געשטאַנען אין כסדרדיקער פֿאַרבינדונג מיט דעם פּאָקשיוווניצער קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך פֿאַרנומען מיטן פֿאַנאַדערטיילן די צוגעשיקטע הילף. אין קאָמיטעט זענען פֿאַרטראָטן געווען מענטשן, וועלכע מיר, אין אַמעריקע, האָבן באַשטימט. דער קאָמיטעט האָט צו אונדז צוגעשיקט רשימות פֿון מענטשן, וואָס האָבן זיך באַזונדערס געפֿונען אין שווערע באַדינגונגען און פֿאַר די דאָזיקע נויטליידנדע יחידים פֿלעגן מיר שיקן ספּעציעלע הילף.

אין די יאָרן 1925-26 הייבט זיך אָן אַ נייע אויסוואַנדערונג פֿון פּאָקשיוווניצער יידן קיין אַמעריקע. געווען אַזעלכע לאַנדסלייט, וואָס האָבן אַראָפּגעבראַכט גאַנצע משפּחות. ביי דער געלעגנהייט וועל איך דערמאָנען, אַז אין דעם האָב איך אַ געוויסן חלק.

געשען איז דאָס אַזוי:

נאָך מיין חתונה, ווען איך בין פֿאַרבליבן אין שטעטל 6 חדשים, האָבן מיר געדונגען אַ דירה ביי רחל לאה צינעמאַן. דורך די דינע ווענטלעך איז צו מיר און מיין פֿרוי דערגאַנגען די שמועסן צווישן מאַן און ווייב פֿון וועלכע ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די נויט האָט זיך ביי זיי פֿעסט באַזעצט. אין זייער אויסזיכטלאָזער לאַגע האָבן זיי פֿון ערגעץ וואו געזוכט הילף פֿאַר זייער גרויסער משפּחה?

אין אַ געוויסן אָוונט, פֿאַר אונדזער אָוועקפֿאָרן קיין אַמעריקע, קלאַפּט מען אין אונדזער טיר און עס קומט אַריין רחל לאה מיט אַ פֿאַרזאָרגט פּנים. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר בשום אופֿן נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט.

— רחל לאה, וואָס איז געשען? האָט עפּעס חס־ושלום

שלעכטס פּאַסירט? — זענען מיר צו איר צוגעשטאַנען. ערשט דאַן האָט זי אָנגעהויבן קוים אַרויספּרעסן די ווערטער:

— מיינע טייערע קינדער, איך האָב צו אייך אַ הייסע בקשה, אפשר קענט איר מיר העלפן און מיטנעמען מיט אייך קיין אַמעריקע, מיין זון יחזקאל?

מיין פרוי האָט איר געענטפערט: „פאַר רחל לאה, אַזאַ צדקת, זענען מיר גרייט אַלץ צו טאָן!"

זי האָט אויך פאַרזיכערט, אַז באַלד שרייבט זי אַ בריוו צו איר פעטער אַברהם לערער גאָלדמאַן, וואָס איז שוין געווען אין אַמעריקע, ער זאָל שיקן אַ שיפס-קאַרט. די איבעריקע הוצאות וועלן מיר דעקן. אין אַ פּינף וואָכן אַרום איז אָנגעקומען די שיפס-קאַרט און רחל לאהס זון, יחזקאל צינעמאַן, איז געפאָרן צוזאַמען מיט אונדז. ס'איז אומבאַשרייבלעך געווען די פרייד פון דער ערלעכער און גוט-האַרציקער רחל לאה, וואָס די שיפס-קאַרט איז אָנגעקומען און דער עיקר וואָס יחזקאל פאָרט מיט אונדז צוזאַמען. בכלל האָט זיך ביי אונדז די טיר נישט פאַרמאַכט. עלטערן זענען געקומען בעטן מיר זאָלן מיטנעמען זייערע קינדער קיין אַמעריקע.

ווען יחזקאל צינעמאַן איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָט ער אין זיינע קרובים נישט פאַרגעסן. זינט 1920 ביז אין די דרייסיקער יאָרן האָט ער אַראָפּגעבראַכט אין קאָלומבוסעס מדינה זיין גרוים-פאַרצווייגטע משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון צענדליקער מענטשן. אַזוי אַרום האָבן זיי אויסגעמיטן דעם גרויזאַמען גורל פון אונדזערע פאַרשניטענע, דורך די היטלער-מערדער, שוועסטער און ברידער.

פאָקשיוואַניצער לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָבן זיך אָנגעהויבן מערן. עס זענען פאַרגרעסערט געוואָרן די משפחות. עס זענען צוגעקומען פיל יונגע מענטשן. דער הילפס-קאָמיטעט האָט אויסגעברייטערט זיין טעטיקייט. די ניי געקומענע האָבן צוגעטראָגן זייער ביישטייער.

נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה

ווען די צווייטע וועלט-מלחמה איז אויסגעבראָכן, אין 1939, און די ברוינע תלינים האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען די פוילישע שטעט און שטעטלעך און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער בלוטיקער מבול, וואָס האָט אָפּגעווישט הונדערטער און הונדערטער יידישע קהילות און מיליאָנען יידן פון די שטעט און שטעטלעך זענען אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלער-רוצחים און זייערע מיטהעלפער, האָט דער אַכזריותדיקער גורל אויך נישט אויסגעמיטן די פּאָקשיוואָניצער יידן.

בעת די מלחמה איז אָנגעגאַנגען אין די יאָרן 1939-45, זענען מיר, ווי אַלע יידן אין אַמעריקע, אָפּגעשניטן געווען פון אונדזערע ברידער אין אייראָפּע. מען האָט פון די שטעטלדיקע יידן נישט באַקומען קיין שום ידיעה, אָבער דאָך האָט זיך קיינער נישט געקענט פאַרשטעלן דעם גרויסן חורבן, ווען אַלץ און אַלע זאָלן פאַרשניטן ווערן דורכן בלוטיקן שונא.

ווי נאָר די מלחמה האָט אויפגעהערט האָבן מיר, די פּאָק-שיוואָניצער לאַנדסלייט, זיך געווענדעט צום „האַיאַס" און צום „דזשאָינט" צו העלפן אונדז אויסגעפינען ווער פון די פּאָקשיוו-ניצער יידן איז געבליבן לעבן. אין די יידישע צייטונגען אין פוילן האָבן מיר פאַרעפנטלעכט מעלדונגען, אַז מיר זוכן לאַנדס-לייט און קרובים. אַ סך פּאָקשיוואָניצער, וואָס זענען צעוואָרפן געווען נישט בלויז איבער פוילן, נאָר אויך אין דער שווייץ, איטאַליע, טשעכאָסלאָוואַקיע, פראַנקרייך און רוסלאַנד, האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּרופן. ווער עס האָט זיך צו אונדז געווענדעט האָט באַקומען הילף. אַ סך פון די משפחות, וואָס האָבן זיך געפונען

אין די לענדער פון דער פרייער וועלט האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, פון אַלע קאָמוניסטישע לענדער האָט מען צו יענער צייט קיין אַמעריקע נישט אַרויסגעלאָזט.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערציילן פאָלגנדיקע פּאַסירונג:

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט מיין שוועסטערס חנהס זון, נאָטע אונגער, געוואוינט אין צויזמיר. ער האָט דאָרט געהאַט אַ גוטן פריינט אַ פּוילישן דאָקטער. ווען די היטלעריסטן האָבן אָנגעהויבן פאַרשפּאַרן די יידן אין די געטאָ־מויערן, איז נאָטע אַוועק צו זיין פּוילישן פריינט און ביי אים געבעטן ער זאָל צונעמען זיינע 2 קינדער — אַ מיידל און אַ ייִנגל און אפשר אַזוי אַרום וועלן זיי זיך ראַטעווען. ער האָט אים געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן איבערלעבן וועסטו פאַר אַלץ קריגן באַצאָלט! און אויב נישט, טאָ נאָ דיר דעם אַדרעס פון מיין אָנקל שמואל קאַזינסקי אין אַמעריקע, און ער וועט דיר פאַר אַלץ באַלוינען.

דער דאָקטער האָט די קינדער צוגענומען. ביי זיך אין הויז האָט ער מורא געהאַט צו האַלטן יידישע קינדער, איז ער געפאַלן אויף אַזאַ איינפאַל: געווען ביי אים אַ דינסט פון אַ דאָרף און זי האָט דאָרט געהאַט אַ ברודער, אַ פּאַסטעך, האָט ער איר דערציילט, אַז ער האָט צוויי אומגעזעצלעכע קינדער און ער וויל נישט אַז ווער זאָל דערפון וויסן, דערפאַר וויל ער זיי אַוועקגעבן צו איר ברודער דעם פּאַסטעך. ער וועט אים יעדע וואָך צאָלן פאַרן אויסהאַלטן די קינדער.

דער פּאַסטעך האָט צוגענומען די קינדער און ביי אים זענען זיי געווען ביז די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט. נאָטע מיט זיין ווייב זענען מער נישט צוריקגעקומען, דער דאָקטער האָט אויסגעפונען, אַז די היטלעריסטן האָבן זיי אומגעבראַכט.

אין אַ געוויסן טאָג באַקום איך אַ בריוו פון דאָקטער, אַז נאָטע אונגער, מיין שוועסטער־קינד, האָט איבערגעלאָזט ביי אים זיינע צוויי קינדער ער זאָל זיי אויסבאַהאַלטן. ער האָט אַזוי

געטאָן און זיי אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּאַסטעך אין דאָרף. דאָס ייִנגל, האָט ער געשריבן, איז געשטאָרבן, דאָס מיידל לעבט און ער האָט געבעטן, אַז איך זאָל קומען אָפּנעמען דאָס קינד און באַצאָלן אים פֿאַרן אויסהאַלטן 1,800 דאָלער.

אין צווישן צייט האָט זיך, אַ דאַנק מיינע זוכונגען אין דער ייִדישער פּרעסע אין פּוילן, אָפּגערופֿן מיינס אַ שוועסטערס אַ טאָכטער, וועלכע איך האָב נישט געקאָנט און זי האָט מיך נישט געקאָנט. איך האָב איר געשריבן וועגן דעם גאַנצן ענין און געבעטן זי זאָל אַראָפּפֿאָרן זען דאָס קינד, צי דאָס איז טאַקע נאָטע אונגערס מיידעלע. זי איז תיכּף אַראָפּגעפֿאָרן צום דאָקטער, אַגב האָט זי אים אויך געקאָנט, און אין ערשטן אויגנבליק האָט זי באַלד דערקענט, אַז דאָס איז טאַקע נאָטעס קינד. ווי גיך זי האָט מיר וועגן דעם געלאָזט וויסן, האָב איך געשיקט די 1,800 דאָלער זי זאָל באַצאָלן דעם דאָקטער און צונעמען דאָס קינד.

ביים אָפּנעמען דאָס קינד האָבן זיך אָפּגעשפּילט דראַמאַטישע סצענעס. דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע האָט געוויינט און געקלאָגט, געראַנגלט זיך מיט אַלע כּוחות, געליאַרעמט און געשריען, אַז זי וויל נישט גיין צו די זשידעס. כּמעט מיט געוואַלט האָט מען איר אַוועקגעריסן. אויפֿן אָרט, אין ביטאָם, וואו מיין שוועסטערס טאָכטער האָט געוואוינט, האָט זי כּסדר געוויינט און געשריען, אַז זי וויל צוריק צו איר „טאַטע־מאַמע" אין דאָרף.

מיין שוועסטער־קינד האָט איינגעזען, אַז פֿון בענקשאַפֿט וועט דאָס קינד ערנסט קראַנק ווערן, האָט זי טעלעפֿאָניש געבעטן דעם דאָקטער אין צויזמיר ער זאָל זיך פֿאַרשטענדיקן מיטן פּאַסטעך, ער זאָל אַראָפּקומען קיין ביטאָם אויף אירע הוצאות און פּרוּוון באַרויקן די קליינע. ער איז געקומען און באַוויזן איבער־צורעדן דאָס קינד, אַז אירע טאַטע־מאַמע זענען געווען ייִדן, און אַז ער איז נישט איר טאַטע. דאָס מיידעלע האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן באַרויקן און צוגעוואוינען זיך צו דער נייער סביבה און צום געדאַנק, אַז זי איז אַ ייִדישע. זי איז פֿאַרבליבן אין

ביטאָם, וואו זי האָט געפונען אַ וואַרעמע היים ביי מיין שוועס־טער־קינד. זי איז געוועז זייער אַ פּעאיקע, גוט זיך געלערנט, געענדיקט אַ מיטלשול, שפּעטער שטודירט מעדיצין און געענ־דיקט אַלס דאָקטער.

היינט געפינט זי זיך אין אַמעריקע. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ פיינעם יונגנמאַן. זיי וואוינען אין עליזאַבעט, ניו־דזשוירזי, די טעג דאַרף זי נאָסטריפיצירן איר דיפּלאָם.

אויך פיל אַנדערע לאַנדסלייט אין אַמעריקע האָבן אויסגע־פונען זייערע משפחות, וואָס זענען לעבן געבליבן נאָכן היטלער־מבול. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט די לאַנדסלייט אין ישראל, וועלכע האָבן שוין דאָרט געוואוינט פון לאַנג און מיט די, וואָס זענען דאָרט אָנגעקומען נאָך דער מלחמה. אונדזער ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו שטיצן די ניי־געקומענע. אין ישראל האָט צו יענער צייט אויסגעפעלט שפייז־אַרטיקלען. פלעגן מיר יעדן חודש אַרויסשיקן שפייז־פּעקלעך, ווי אויך פינאַנציעלע הילף. די הילף איז געשיקט געוואָרן אויף אַן אינדיווידועלן אופן.

דאָ דאַרפן מיר, פּאָקשיוויניצער לאַנדסלייט, דערמאָנען דעם ליכטיקן אָנדענק פון ריקטשע ראָטנבערג ע״ה, וואָס האָט אומ־דערמידלעך זיך פאַרנומען מיט אויפזוכן לאַנדסלייט, איר הויז איז פאַר זיי געוואָרן די צווייטע היים. זי פלעגט צושטעלן קיין אַמעריקע נעמען פון יחידים־לאַנדסלייט, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין ישראל נאָך דער מלחמה, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די יידישע מלוכה.

זייענדיק פּרעזידענט פון די פּאָקשיוויניצער לאַנדסלייט בין איך צוזאַמען מיט מיין פרוי געפאָרן באַזוכן ישראל. כ׳האָב דאָרט געטראָפן לאַנדסלייט, וואָס מיר האָבן זיך נאָך געקאָנט פון שטעטל. ווי נאָר מיר זענען אָנגעקומען קיין ישראל איז אונדזער ערשטער פאַרלאַנג געווען צו זען זיך מיט ריקטשען, פון וועלכער מיר האָבן כסדר אָפּגענומען גרוסן, אַז זי האָפט אַלע יאָרן אונדז צו זען!

אין חיפהר פאַרט האָט אונדז אָפּגעוואַרט אַ גרעסערע גרופּע לאַנדסלײַט, צווישן אַנדערע: ריקטשעס קינדער, מײַנס אַ שוועס־טער־קינד מיט דער משפּחה. מײַן ערשטע פראַגע איז געווען: וואו איז ריקטשע? דער ענטפער איז געווען אַ טרויעריקער: ריקטשע איז געשטאָרבן מיט עטלעכע וואָכן צוריק. דאָס איז פאַר אונדז געווען סײַ אומגעריכט און סײַ דערדריקנדיק.

אין האָטעל „דן", אין תל־אביב, זענען זיך צונויפגעקומען לאַנדסלייט צו זען זיך מיט אונדז. זיי האָבן אַלע געבעטן מיר זאָלן באַזוכן זייערע היימען. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן באַזוכן זייערע היימען האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן באַוויזן זייער גרויס אָרעמקייט און דלות. אין די שטובן זענען נישט געווען קיין טישן, קיין בענקלעך, אַנדערע האָבן געוואוינט אין די ענגע צריפים. אויך עסן איז דאָן נישט געווען צו דער זעט.

די צווייטע וואָך האָב איך זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט כמעט אַלע לאַנדסלייט, וואָס וואוינען אין ישראל. בעת דעם צוזאַמענ־טרעף, האָב איך פאַנאַנדערגעטיילט צווישן אַלע אַנוועזנדיקע געלט־סערטיפיקאַטן, אויף וועלכע מען האָט געקאָנט באַקומען שפּייז־פּעקלעך.

בעתן באַזוכן די היימען פון אונדזערע פּאָקשיווניצער לאַנדס־לייט און באַקענענדיק זיך נענטער מיט זייער מצב, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די שפּייז־פּעקלעך וועלן זייער לאַגע ראַדיקאַל נישט ענדערן! אויפן צווייטן צונויפקום בין איך אַרויסגעטראָטן מיט דער איניציאַטיוו צו אָרגאַניזירן אַ גמילת־חסדים־קאַסע, וואָס זאָל העלפן מענטשן שטעלן זיך אויף די פיס דורך געבן אָנפראָצענטיקע הלוואות. אויפן אָרט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, בראש מיט משה אונגער — פּרעזידענט, מיני גרינבערג — סעקרעטאַר, און אַנדערע. באַלד נאָך מײַן צוריק־קומען קיין אַמעריקע איז אַרויסגעשיקט געוואָרן 2,000 דאָלער.

די לאַנדסלייט אין אַמעריקע זענען זייער צופרידן געווען מיט דער איניציאַטיוו צו שאַפן אַ גמילת־חסדים־קאַסע אין יש־

ראל, זיי האָבן פאַר דעם צוועק צוגעטראָגן זייער ברייטסטן צושטייער.

אין 1959 האָב איך מיט מיין פרוי באַזוכט ישראל צום צווייטן מאָל. אויפן עראָדראָם אין לוד האָבן אונדז אָפּגעוואַרט לאַנדסלייט. שפּעטער איז פאַר אונדז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ פיינע אויפנאַמע, מען האָט זיך מיט אונדז שטאַרק געפרייט. אַ סך צו דער דאַזיקער הארציקער אַטמאָספער האָבן צוגעטראָגן ריקטשעס טעכטער און מיין שוועסטער־קינד, משה אונגער.

אויפן אָרט האָב איך זיך איבערצייגט, ווי אַזוי די אַרבעט פון דער גמילת־חסדים־קאַסע גייט אָן. איך מוז דאָ מודה זיין, אַז מיין איניציאַטיוו צו שאַפן די גמילת־חסדים איז נישט געגאַנגען לאיבוד. די קאַסע פירט אַ זייער נוצלעכע און קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, טראָגנדיק הילף די לאַנדסלייט און העלפט זיי ווערן עקאָנאָמיש זעלבסשטענדיק און איינאָרדענען זיך. דאָס מאָל האָב איך נישט דערקענט די וואוינונגען פון די מענטשן, וואָס האָבן פריער געפירט אַ זייער אָרעם לעבן. כ'האָב שוין אין די דירות געטראָפן גענוג עלעגאַנט מעבל, פיינע מלבושים און עס האָט זיך בכלל געפילט, אַז די מענטשן זענען געקומען צו זיך!

באַזונדערס פריידיק איז פאַר מיר געווען, ווען כ'האָב געזען ווי גאָטליב, וועלכער האָט אין 1954 געוואוינט אין אַ מעברה אין אַ צריף, אין וועלכן עס האָט אַריינגערעגנט און דער ווינט האָט פראַנק און פריי געהוליעט, וואוינט איצט אין אַ שיינער, מענטש־לעכער דירה. מיט צופרידנקייט בין איך צוריקגעפאָרן, האָבנדיק די איבערצייגונג אַז מיר, אין אַמעריקע, האָבן געטאָן אַ גוטע אַרבעט פאַר אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל.

מיר פאָרן קיין פוילן

נאָך 7 וואָכן זיין אין ישראל זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין פוילן

זען זיך מיט מיין שוועסטער-קינד, וועמען איך האָב אָפּ־
געפונען. אין וואַרשע האָט זי מיך אָפּגעוואַרט אויפן פלי-פעלד.
מיר האָבן דאָרט פאַרבראַכט עטלעכע טעג און שפּעטער געפאָרן
קיין ביטאָם וואו זי וואוינט. אין וואַרשע האָב איך נישט געזען
קיין שום יידיש לעבן. יידן ווילן זיך נישט געבן צו דערקענען.
ביטאָם, וואָס האָט אַ באַפעלקערונג פון אַן ערך 200 טויזנט
איינוואוינער, וואוינען קוים דריי יידישע פאַמיליעס.

אַ געוויסן זונטיק אין אַ שיינעם זומערדיקן טאָג, בין איך
צוזאַמען מיט די דאָזיקע משפחות אַרויסגעפאָרן הינטער דער
שטאָט אין וואַלד אַריין. צווישן זיי איז געווען איינער, וואָס
האָט געהאַט אַ קריסטלעכע פרוי און צוויי קינדער. זי מיטביידע
מיידלעך האָבן געטראָגן צלמים, מיין שוועסטער-קינד האָט מיך
פאָרגעשטעלט און מען האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז עסן.

דער מאַן פון דער קריסטלעכער פרוי, וואָס האָט געהאַט
אין ביטאָם אַ ראַדיאָ-געשעפט, איז צו מיר צוגעגאַנגען און פאַר־
בעטן מיך אויף אַ שפּאַציר אין וואַלד. גערעדט האָט ער מיט מיר
דייטש, איך האָב אים פאַרשטאַנען, באַלד ביי די ערשטע ווערטער
האָט ער מיר דערקלערט: „איך בין פון דיינע יידן", פרעג איך
אים ווי פילסטו זיך אַלס ייד? פאַרוואָס טראָגן דיין פרוי און
קינדער צלמים אויף די העלדזער?

זיין ענטפער איז געווען: — „אפילו ווען כ'וויל זיין אַ גוי
קאָן איך אויך נישט!". ער האָט מיר ווייטער דערציילט: אַז
זונטיק ווען זיין פרוי און קינדער גייען אין קאָשטשאָל פלעגט

ער מיטגיין. איינמאָל דערנענטערט זיך צו אים אַ פּאָליאַק און רופט זיך אָן מיט רוגזה: „פונוואַנען קומסטו דאָ, גיי צו דיינע זשידעס!” די קינדער זיינע — האָט ער זיך געקלאָגט — האָסן אים און שעמען זיך מיט אים! ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז ער איז איינער לעבן געבליבן פון זיין גרויסער פאַמיליע. צום סוף האָט ער געזאָגט: „איך האָב נישט קיין לעבן! ווען איך קאָן אַנטלויפן קיין ישראל, וואָלט איך איבערגעלאָזט דאָס ווייב און די קינדער. זיי זענען מיר פרעמד!”

קומענדיק צוריק קיין וואַרשע, האָט מיין שוועסטער-קינד אָפּגערופן אירס אַ פריינד, אַ העכערער אָנגעשטעלטער אין אַ מעבל-אונטערנעמונג. געקומען איז ער מיט אַ מלוכהשן אויטאָ-מאָביל און אַ שאָפער. ער האָט אַריינגעזעצט מיך, מיין פרוי און שוועסטער-קינד אין אויטאָמאָביל און געהייסן דעם שאָפער פירן אונדז איבער וואַרשע. אין אָוונט האָב איך זיך מיט אים באַשטימט אין אַ נאַכט-לאָקאַל ביים גראַנד-האָטעל. דאָרט האָבן מיר געגעסן אָוונט-ברויט. ביי דער געלעגנהייט האָט ער מיר דער-ציילט, אַז ער האָט אַ קריסטלעכע פרוי און 2 שיינע, געראָ-טענע קינדער, זיין שווער האָט ער צוגעגעבן איז אַ יידן-שונא. ער האָט אויך געזאָגט, אַז ער לעבט נישט שלעכט, נאָר יעדן טאָג קען ער פאַרלירן זיין רעגירונגס-שטעלע, בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייד!

זיין פרוי ווייסט, אַז ער ליידט מאָראַליש און מוז זיך אויך אויסבאַהאַלטן מיט זיין אָפּשטאַם, זאָגט זי צו אים: לאָמיר אַנ-טלויפן קיין ישראל, אָדער וואו אַנדערש. זי איז גרייט מיט אים אומעטום פאָרן. מיר האָבן פאַרבראַכט אַ פיינעם אָוונט. ביים גע-זעגענען זיך האָט ער געזאָגט: „איך וואָלט אייך גערן צו מיר איינגעלאַדן, נאָר ליידער קען איך נישט, ס׳איז געזינטער צו האַלטן זיך מיט אַמעריקאַנער פון דער ווייטנס”...

אין עטלעכע טעג אַרום זענען מיר אָפּגעפאָרן אין אונזער היים-שטעטל — פּאָקשיוויניצע. מיטגעפאָרן מיט אונדז זענען דריי

באַקאַנטע פּאָליאַקן פון מיין שוועסטער־קינד, ווי אויך מיין שוועס־טערס אייניקל, וואָס מיר האָבן נאָך דער מלחמה אָפּגעפונען, די זעלבע, וואָס איז אויסבאַהאַלטן געווען ביים פּאַסטעך.

געווען איז דאָס אין מאָנאַט מאַי. ווי אַמאָל זענען געלעגן אויסגעשפּרייט די שיינע, גרינע און זאַפטיקע פעלדער און לאַנ־קעס. די ביימער זענען געשטאַנען צעבליטע מיט ווייסער אַקאַציע. דאָס שטעטל האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַלץ וואָלט דאָרט געווען אויסגעשטאָרבן, אַ שטילשטאַנד ווי אויף אַ בית־עולם. אין מאַרק זענען די טירן פון די קלייטלעך געווען פאַרקלאַפּט. בלויז איין קראָם איז אָפן 3 שעה טעגלעך. דער מאַרק, וואָס איז אַמאָל געווען פול מיט מענטשן, איז איצט געווען פוסט. מען האָט נישט געזען קיין לעבעדיקן מענטש, בלויז צוויי קינדער זענען צוגעקומען באַוואונדערן אונדזער אויטאָמאָביל.

אין מאַרק האָב איך געזען אונדזער הויז, וואו איך בין גע־בוירן און דערצויגן געוואָרן, היינט וואוינען דאָרט פּאָליאַקן, מיין פרוי און שוועסטער־קינד זענען אַריין אין הויז. מיך האָט פאַר־קלעמט דאָס האַרץ, די קניען האָבן זיך איינגעבראָכן, איך האָב געפילט, אַז כ׳קאָן נישט אַריינגיין אָנקוקן אונדזער שטוב.

פון מאַרק זענען מיר אַוועק אויפן בית־עולם. מיר האָבן לאַנג געזוכט, ביז מיר האָבן געפונען דעם בית־עולם. ער איז אָן אַ פאַרקאַן, אַלע קברים פאַרשאָטן מיט זאַמד, די מצבות צע־בראָכן, געבליבן זענען בלויז 7 מצבות און בלויז אויף צוויי האָט מען קוים געקענט איבערלייענען די נעמען. דאָס האַרץ האָט געוויינט, צוקוקנדיק, וואָס מיר קענען נישט געפינען די קברים, וואו עס רוען די ביינער פון אונדזערע עלטערן. מיין פרוי האָט זיך צעוויינט, ווען זי האָט נישט געקענט געפינען דעם קבר פון איר מאַמען, און מיט אַ ציטערדיקער שטים האָט זי אויסגערופן: „מאַמע איך בין געקומען צו דיר, נאָר איך ווייס נישט וואו דיין קבר איז?״ פון מיינע אויגן האָבן גערונען טרערן. כ׳האָב געזאָגט קדיש, און צעבראָכענע האָבן מיר פאַרלאָזט דעם פאַרוויסטן און פאַריתומטן בית־עולם.

קומענדיק צוריק אין מאַרק, זענען שוין אונדזערע פּוילישע באַגלייטער געווען נישקשהדיק אויסגעהונגערט. איך האָב זיי געגעבן געלט און זיי זענען אַריין אין שענק. אין אַ ווייל אַרום זענען זיי פון דאָרט אַרויס און זאָגן: „לאָמיר פון דאַנען אַנטלויפן, מ׳קען דאָ שטאַרבן פון הונגער״. צו אונדז האָבן זיך דערנענטערט צוויי מיליציאַנטן, אַפּנים דערקענט אין אונדז פרעמדע. די פּאַליאַקן האָבן זיך אָנגערופן: „לאָמיר עוקר זיין, ווייל זיי קענען אונדז אָננעמען אַלס שפּיאָנען״.

פון פּאָקשיוויניצע זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין צוויזמיר. אין רעסטאָראַן האָט מען אונדז דערקלערט, אַז מיר דאַרפן וואַרטן 2 שעה אויף מיטאָג. הונגעריקע זענען מיר אָנגעקומען קיין זשיקעוו. אויך דאָ האָבן מיר קיין יידן נישט געטראָפן. אַזוי זענען מיר געפאָרן פון שטאָט צו שטעטל, אומעטום אָפּגעשטעלט זיך, אָבער אין ערגעץ קיין שפּור פון קיין ייד! נאָך דריי טעג אַרומפאָרן זענען מיר צוריקגעקומען קיין וואַרשע — און פון דאָרט אָפּגעפאָרן קיין ווין.

באַאַמטע פון פּאָקשיוויניצער רעליעף קאָמיטעט וואָס העלפן אין דער הייליקער אַרבעט אין אַמעריקע

פּרעזידענט —

שמואל קאָזינסקי און זיין פרוי ראָכמע ;

1טער וויים־פּרעזידענט —

מאַלי מאַרק און איר מאַן טשאַרלי ;

2טער וויים־פּרעזידענט —

סאַול גאָלדמאַן און זיין פרוי שבע ;

סעקרעטאַר —

הענע ראָטענבערג און איר מאַן יעקב משה ;

טרעזשורער —

שבתי הערשמאַן און זיין פרוי.

אינהאַלט:

זייט

ערשט פאָדער־זייטל — בילד פון מחבר, שמואל קאָזינסקי
צווייט פאָדער־זייטל — בילד פון מחבר מיט זיין פרוי
פאָקשיווניצע אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט 3
די מגפה אין שטעטל 8
די גרויסע שריפה 11
ווען די יום־טובדיקע טעג קומען אָן... 13
דער קוזמירער רבי בעזעצט זיך אין פאָקשיווניצע 21
משיח קומט! און ווער וועט אים אַנטקעגנגיין?... 25
מען בויט אַ תיבה... 29
„שדים" קלאַפּן אין אַבעלעס דאַך 31
מיין מלמד — משה תנחן 34
צוויי התונות אין שטעטל 38
מיין ברודער פאַרמשכנט דעם „יידישן גאָט" 45

טיפּן, געשטאַלטן, עפּיזאָדן

משהל פלאַפּ און זיין יידישע קליאַטשע 49
דאָס אומגליק מיט דבורה יאָסלס ציננעמאַן 50
„פילאָזאָפן" 50
עקיבא באַנקע שטעלער 51
וואו נעמט מען פרנסה פאַר די רבנישע אייניקלעך? 53
„יאָסל פאַנדריק" איז געבוירן געוואָרן... 55
ר' חיים מאיר און נאָטע יאָסלס 56
מען הייבט אָן עמיגרירן 59
אין קעלער ביי הערשל שוסטער 60
עס דערגייט די ידיעה וועגן דער גרויסער מחלוקה 61
איך פאָר צוריק אַהיים 64
הילפס־טעטיקייט פון די לאַנדסלייט 67
נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה 70
מיר פאָרן קיין פוילן 76
באַאַמטע פון פאָקשיווניצער רעליעף קאָמיטעט 80